STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07373

DI YIDN IN ITALYE IN ZEYER GOLDENE TKUFE

Nachman Drosdoff

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחמן דרוזדוב

*

די יידן אין איטאַליע
אין זייער גאָלדענער תקופה

נחמן דרוזדוב

די ייִדן אין איטאַליע

אין זייער גאָלדענער תקופה

פאַרלאַג י. ל. פּרץ
ישׂראל
1961

NACHMAN DROSDOFF
DI YIDN IN ITALIE

Publishing Hause J. L. Peretz
31, Allenby Str., Tel-Aviv, Israel

נחמן דרוזדוב
די יידן אין איטאַליע
פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

©

נדפס בישראל
Printed in Israel, 1961

דפוס „אורלי״, רח׳ יסוד המעלה 27, תל־אביב, טל. 32062

מיינע אייניקלעך
און אוראייניקלעך
אַ מתנה

מיין חבר ד״ר משה זאַלעסקי, דירעקטאָר פון דערציונגס־ביוראָ, סינסינעטי, פאַר זיין גרויסער טירחה ביים מאַכן חיכטיקע תקונים אינעם כתב־יד, און מיין קוזין אברהם דרוזדוב, ניו־יאָרק, פאַר זיינע קאָרעקטורן — דעם האַרציקסטן דאַנק.

דער מחבר

אינהאַלט:

	זייט
עטלעכע באַמערקונגען	11
אַריינפיר	12
קאַפּיטל איינס די אָנהויב־תקופה פון מיטלאַלטער	17
קאַפּיטל צוויי די ערשטע יידישע חכמים	19
קאַפּיטל דריי אין די צייטן פון פּויפּסט גרעגאָר דער ערשטער (דער גרויסער)	22
קאַפּיטל פיר די יידן אין דרום־איטאַליע	24
קאַפּיטל פינף געמיינזאַמע באַציונגען צווישן יידן און קריסטן קעגן דעם רצון פון דער קירך־פירערשאַפט	27
קאַפּיטל זעקס דער גייסטיקער צושטאַנד פון יידן אינעם צענטן יאָרהונדערט	30
קאַפּיטל זיבן יידישע וויסנשאַפט אין דער תקופה פון עלפטן און צוועלפטן יאָרהונדערט	33
קאַפּיטל אַכט דאָס עקאָנאָמישע און סאָציאַלע לעבן אין דער דערמאָנטער תקופה	39
קאַפּיטל ניין די יידן און די פּויפּסטן	42

זייט

קאַפּיטל צען 45
דער פאַרגרעסערטער יידישער ישוב אין איטאַליע

קאַפּיטל עלף 49
די תקופה פון אידעישע קאָנפליקטן אין לאַנד

קאַפּיטל צוועלף 53
יידן אין דער דערמאָנטער עפּאָכע

קאַפּיטל דרייצן 57
יידישע דיכטער און דיכטונג

קאַפּיטל פערצן 62
יידישער אָנטייל אין פילאָזאָפיע, מעדיצין און
אַנדערע וויסנשאַפטן

קאַפּיטל פופצן 65
דער גייסטיקער און קולטורעלער צושטאַנד פון
די יידן אין דרייצנטן און פערצנטן יאָרהונדער

קאַפּיטל זעכצן 71
דער קאַמף אַרום רמב״ם, מיסטיציזם, קבלה
און נסתר

קאַפּיטל זיבעצן 76
די תלמודישע ליטעראַטור און די באַרימטע תלמידי־
חכמים (צווישן 13־טן און 14־טן יאָרהונדערט)

קאַפּיטל אַכצן 80
די ענדערונג אין דער יידישער שאַפונג

קאַפּיטל ניינצן 84
דאָס אינערלעכע טעגלעכע יידישע לעבן (אין 13־טן
און 14־טן יאָרהונדערט)

קאַפּיטל צוואַנציק 88
יידישע און קריסטלעכע פרויען אין געזעלשאַפטלעכן
און קולטורעלן לעבן פון 13־טן און 14־טן י״ה

קאַפּיטל איינאונצוואַנציק 91
דער צושטאַנד פון אַבערגלויבן און מאָראַל צווישן
דער אַלגעמיינער און יידישער באַפעלקערונג

קאַפּיטל צווייאונצוואַנציק 94
די באַציונגען צווישן יידן און זייערע שכנים

קאַפּיטל דרייאונצוואַנציק 97
די טונקעלע מאָמענטן אין יענעם פעריאָד

זײַט

קאַפּיטל פֿירצנצוואַנציק 99

יידן אין דער מעדיצינישער פּראַפעסיע

קאַפּיטל פֿינפאונצוואַנציק

האַנדל און אַרבעט בײַ יידן אין 13־טן און 14־טן י״ה

קאַפּיטל זעקסאונצוואַנציק 105

די איטאַליענישע ליטעראַטור װעגן יידן

קאַפּיטל זיבנאונצוואַנציק

די יידן אין סיציליע

א. די עלטסטע תושבים 108

ב. קהילה־פֿירערשאַפט 110

ג. רעליגיעזע ענינים 112

ד. גייסטיקע פֿרייהייט בײַ יידן און די באַציונגען מיט שכנים 114

ה. די יידישע באַשעפטיקונגען 116

ו. דער יידישער אוניװערזיטעט און דער פּאַרלאַמענט 117

עטלעכע באַמערקונגען

דער ציל פון מיין באַשיידענער אַרבעט איז צו געבן דעם געוויינלעכן ייִדישן לייענער אַ באַגריף וועגן דעם לעבן פון די ייִדן אין איטאַליע און סיציליע אין זייער בליענדער תקופה פון מיטלאַלטער.

די ווייניקע היסטאָרישע ביכער אין פאַרשידענע שפּראַכן, וועלכע באַהאַנדלען דעם דאָזיקן ענין, זענען כמעט אַלע פון אַ גרויסן פאַרנעם, געשריבן מער אָדער ווייניקער אין וויסנשאַפטלעכן סטיל און דעריבער נישט גענוג פּאָפּולער.

מיין געדאַנק איז געווען צו שאַפן אַ מין קיצור פון דער ייִדישער געשיכטע דאָרט, אין פאַרלויף פון דער גאָלדענער עפּאָכע, אָנגעבנדיק היסטאָרישע פאַקטן אין אַ לייכטער שפּראַך מיט פשוטע אויסדרוקן, בעסער צוגעפּאַסט פאַרן אַלגעמיינעם עולם.

איך האָב זיך געשטיצט אין מיין שרייבן אויפן וואָגיקן מאַטעריאַל, וואָס דער באַוווּסטער געלערנטער ד״ר משה גידעמאַן, דער רב הכולל פון ווינער קהילה, האָט געבראַכט אין זיין ווערק, געשריבן אין דייטש און איבערגעזעצט אין העברעיש פון א. ש. פרידבערג, קרוב זעכציק יאָר צוריק, ווי אויך אויף די דאָקומענטן, וואָס דער גרויסער היסטאָריקער פון אונדזער צייט, סעסיל ראָט, דערמאָנט אין זיין נייעם בוך אויף ענגליש „די געשיכטע פון די ייִדן אין איטאַליע״.

ביידע אויבנדערמאָנטע שרייבער, האָבן זיך געשטיצט אין זייער אַרבעט, אַחוץ אויף די מאָדערנע קוואַלן, אויך אויף אַלטע ספרים פון פאַרצייטיקע היסטאָריקער אין פאַרשידענע שפּראַכן און אויך אויף מאַנו־סקריפּטן, וועלכע זענען צעשפּרייט אין געוויסע וועלטלעכע ביבליאָטעקן. איך בין נאָכגעגאַנגען זייערע טריט: פאָרזיכטיק אַלץ דורכגעזיפּט און איך האָף, אַז מיין אַרבעט איז געטאָן געוואָרן בשלימות.

פון די אַלע מקורות האָב איך אַרויסגענומען דעם תמצית אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר. צעטיילט עס אין קורצע פּרקים, אַזוי, אַז דער לייענער זאָל זיין אומשטאַנד זיך שאַפן אַ גענויע ידיעה וועגן דאָזיקן ייִדישן לעבן אין דער תקופה, וואָס איז אַזוי באַרימט אין אונדזער געשיכטע.

נ. ד.

אַרייַנפיר

עס איז נישט גענוי באַוווּסט ווען יידן האָבן זיך באַזעצט אין איטאַליע, אָבער דאָס איז באַשטימט: אַז זיי זענען אָנגעקומען דאָרטן נאָך אין די צייטן פון בית־שני, מיט צוויי אָדער דריי הונדערט יאָר פאַרן קריסטנטום. אינעם „ספרי המכבים" ווערט דערמאָנט, אַז יהודה המכבי האָט געשיקט, אַרום 160 יאָר פאַר דער נייער צייט, זיינע שליחים נאָך רוים, כדי צו מאַכן פאַרבינדונגען און שליסן פריינדשאַפט מיט דער דאָרטיקער רעגירונג, און דערמיט זיך קענען שיצן קעגן זיין גריכישן שונא, אנטיאָכוס. זיי, די שליחים, האָבן דאָרט אין געוויסע געגנטן, געפונען אַ גרויסע צאָל יידן, מיט וועלכע זיי זענען געקומען אין פאַרבינדונג און וועלכע זענען געווען אָרגאַניזירט אין אַן אייגנאַרטיק יידיש לעבן. עס וועט דעריבער נישט זיין איבערגעטריבן צו באַשטעטיקן, אַז די סינאַגאָגע־אינסטיטוציע אין איטאַליע, איז פיל עלטער ווי דער וואַטיקאַן. וואָס ווייטער האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג פאַרגרעסערט, און מען קען דעריבער אויך קומען צום אויספיר, אַז זי איז די עלטסטע אָרגאַניזירטע גרופּע אין לאַנד צווישן די אַלגעמיינע בירגער דאָרט.

אין נאָמען פון שאול התרשיש (ס"ט פּיטער) ווערט פאַרצייכנט אין זיינע שריפטן, אַז ווען ער איז אָנגעקומען אין איטאַליע (יאָר 63) צו פּרעדיקן די תורה פון נוצרי האָט ער דאָרט געפונען אַ סך יידן. מיטן חורבן פון ארץ ישראל אין יאָר 70, זענען צענדליקער טויזנטער יידן, צווישן זיי די אַריסטאָקראַטיע פון ירושלים, געבראַכט געוואָרן קיין איטאַליע אַלס שקלאַפן. אָבער, עס ווייזט אויס, אַז מיט דער צייט האָבן זיי זיך שטופנווייז באַפרייט און מיט דעם פאַרגרעסערט דעם יידישן קיבוץ אין פאַרשידענע געגנטן פון דער רוימישער אימפּעריע; פון דרום זייט לאַנד זענען זיי ווייטער געגאַנגען קיין צפון פון רוים. און מען קאָן פעסט־שטעלן, אַז דער יידישער ישוב אין איטאַליע איז פון דעמלט אָן קיינמאָל

נישט אונטערגעבראָכן געוואָרן, גאָר האָט וואָס ווייטער זיך מער אַנטוויקלט און פּאַראייניקט. די איבערגעבליבענע קהילות אין ארץ־ישראל האָבן געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף זיי, בנוגע דער יהדות, דורך זייערע אָפטע שלי־חים, וואָס פלעגן געשיקט ווערן אַהין פון צייט צו צייט.

מען געפינט ביי עטלעכע היסטאָריקער פון יענער צייט *), אַז אין די יאָרן 96—95 האָט רבי גמליאל השני (דער צווייטער) צונויפגעשטעלט אַ דעלעגאַציע פון ירושלים, אין וועלכער צווישן אַנדערע מיטגלידער, האָבן זיך געפונען די באַוווּסטע תנאים: רבי עקיבא און רבי יהושע בן אליעזר. זייער אויפגאַבע איז געווען צו טרעפן זיך מיט פריינדלעכע גע־לערנטע און פילאָזאָפן אין רוים און ווירקן אויף זיי, אַז דורך זייער הילף זאָלן דאָרט געוויסע געזעצן קעגן יידן און יידישקייט נישט דורכגעפירט ווערן. אַ קורצע צייט שפּעטער, איז נאָך אַ גרויסער געלערנטער, — רבי מתתיהו בן הערעש — געשיקט געוואָרן צו העלפן אָרגאַניזירן דאָס לעבן פון די יידישע קהילות אין איטאַליע.

די ערשטע פּאָר הונדערט יאָר, נאָך דער נייער צייט־רעכענונג, איז דער רעליגיעזער געדאַנק צווישן דער אלגעמיינער באַפעלקערונג אין לאַנד געווען אין אַ כאַאָטישן צושטאַנד. געצנדינערריי האָט אָנגעהויבן אַראָפּצוגיין פון דער רעליגיעזער סצענע און די לערע פון קריסטנטום האָט זיך וואָס מער פאַרשפּרייט. אָבער דער נייער גלויבן איז געווען צונויפגעמישט מיט אַ סך מינהגים פון יהדות. אפילו די קיסרים, וועלכע זענען גייסטיק געשטאַ־נען העכער פון די מאַסן, האָבן קיין קלאָרן באַגריף נישט געהאַט וועגן זייער רעליגיע. אַזוי, למשל, האָט דער מלך אלכסנדר סעווערוס (יאָר 235—222) אויסגעשטעלט ביי זיך אין פּאַלאַץ די בילדער פון ישו הנוצרי און אברהם אבינו.

אין אַזאַ מצב איז דאָס יידישע לעבן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געווען מער געזיכערט און די יידן דעמאָלט האָבן געשפּילט גאָרנישט קיין קליינע ראָל אינעם אַלגעמיינעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן מצב פון לאַנד.

קיין היסטאָרישע דאָקומענטן פון יענע צייטן, ווי שוין פריער דער־מאָנט, זענען נישט בנמצא. די פאַקטן, וואָס היסטאָריקער בעיקר גיבן איבער,

---

*) לויט די מקורות וואָס סעסיל ראָט דערמאָנט אין זיין בוך: „די געשיכטע פון די יידן אין איטאַליע" (ענגליש).

זענען געקליבן געוואָרן פון פאַרשידענע אַרכעאָלאָגישע קוועלן אין לאַנד, וועלכע גיבן, מער־ווייניקער, אַ באַגריף פונעם דאָרטיקן יידישן לעבן. און מיט אַזעלכע מקורות האָבן שרייבער געמוזט זיך באַנוצן אין זייער שאַפונג. אויף די מצבות, וואָס מען געפינט אין פאַרשידענע געגנטן, ווייזן די דאַטעס, אַז יידן זענען שוין דאָרטן געווען גוט איינגעזעסן זינט דעם 3־טן יאָרהונ־דערט. עס איז אינטערעסאַנט, אַז די אויפשריפטן אויף די אויבנדערמאָנטע מצבות, זענען אין גריכיש, אָדער רוימיש, און אויף העברעיש איז אויסגעע־קריצט נאָר דער געוויינלעכער יידישער ווונטש: „תהי נשמתו צרורה בצרור החיים”, ווי עס פירט זיך ביזן היינטיקן טאָג.

דאָס איז נאָך אַ באַשטעטיקונג, אַז יידן אין איטאַליע זענען שוין צו יענער צייט געווען גוט איינגעוואָרצלט אין לאַנד און אין איר קולטור. פון דאָקומענטן, שריפטן, געזעצן און אַרכיוון, וואָס געפינען זיך אין פאַרשידענע ביבליאָטעקן, קאָן מען אויך באַמערקן, אַז די יידן האָט זיך דאָרט געלעבט בעסער ווי אין אַנדערע אייראָפּעישע לענדער. זיי האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און אפילו זיך פאַרשריבן פרייוויליק אין דער אַרמיי אַלס אַ פּאַטריאָטישער חוב צום לאַנד. אפילו אין די צייטן, ווען שונאים האָבן געזוכט אונטערצודריקן די יידן, זענען די רדיפות אויף זיי בכלל נישט געווען אַזוי שווער, און האָבן קיינמאָל נישט דערגרייכט צו דער מדריגה ווי אין די שכנותדיקע לענדער, דער עיקר אין די דייטשע פּראָווינצן. אין די שטאָטישע אַרכיוון איבער גאַנץ איטאַליע קאָן מען נישט געפינען קיין פאַרצייכענונגען פון צו שטרענגע באַגרענעצונגען לגבי יידן. פאַרקערט, אין פיל שטעט ווערן זיי דערמאָנט צום גוטן. און דאָס, וואָס מען פאַרשווייגט זיי אין אַנדערע ערטער, איז געוויס אַ סימן לטובה:

מען קאָן אָננעמען עטלעכע סיבות, פאַרוואָס די יידישע לאַגע אין איטאַליע איז נישט געווען אַזוי שלעכט ביזן 16־טן יאָרהונדערט:

אין מיטלאַלטער איז איטאַליע געווען צעטיילט אין קליינע רעפּובּ־ליקן, וועלכע האָבן שטענדיק געפירט אַ קאַמף צווישן זיך אויפן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן געביט. ווען אַ געוויסע רעפּובליק האָט פּרובירט שלעכטס טאָן יידן, האָבן די לעצטע אַרויסגעוויזן מער פריינדשאַפט צו אַ צווייטער רעפּובליק, און דאָס האָט אַרויסגערופן קנאה ביי דער ערשטער. דורך אַזאַ צושטאַנד איז אויסגעקומען, אַז יעדע רעפּובליק האָט געזוכט די יידישע פריינדשאַפט. עס איז מקוים געוואָרן די אַלטע תלמודישע מימרא: „ווען

מלאכים פון די אומות־העולם קריגן זיך, דעמאָלט קומט אַ ישועה אויף ייִדן" *). עס איז אויך היסטאָריש באַוווסט, אַז נישט געקוקט דערויף, וואָס רוים איז געווען די קרוין־שטאָט פון פויפּסט און דער צענטער פון דער קאַטוילישער קירכע, זענען אָבער די איטאַליענער בכלל נישט געווען צו קריסטלעך־פרום. אפילו די גלחים האָבן געהאַט אַ קליינע השפּעה אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג און זייער זעלטן איז זיי געלונגען אָנצורייצן דעם המון קעגן ייִדן. דערצו האָבן נאָך דעמאָלט צוגעהאָלפן געווי־סע איטאַליענישע שרייבער און דיכטער, וועלכע פלעגן חוזק מאַכן פון די קירכע־פאַרשטייער, ווי מאָנאַכן, בישאָפן און אַפילו פון פויפּסט אַליין. די לעצטע פלעגן זיך אָפּט באַקלאָגן, אַז זיי קאָנען נישט פאַרשטיין דעם כאַראַק־טער פונעם איטאַליענישן פאָלק, וואָס קערט זיך אָפּט אָפּ פון דער קירכע און איז אַ שונא פון אירע כהנים.

נאָך אַ פאַקטאָר האָט געשפּילט אַ ראָל אינעם מצב פון די ייִדן אין איטאַליע: להיפּוך ווי עס איז פאָרגעקומען אין די דייטשע פּראָווינצן, בנוגע די צינזן־געשעפטן, וועלכע זענען דאָרט געלעגן נאָר אין ייִדישע הענט, — אַ צושטאַנד, וואָס פלעגט שטענדיק אַרויסרופן קנאה און פאַרפאָל־גונגען, — זענען אין איטאַליע די קריסטן געווען די ערשטע אין געלט־מסחר און אין נעמען הויכע צינזן, און די ייִדן האָבן זיך דערמיט מתעסק געווען בלויז אין דער זעלבער מאָס ווי אַנדערע פון דער באַפעלקערונג. דעריבער האָט דאָרט געפעלט אַ סיבה, וואָס זאָל אַרויסרופן פיינדשאַפט צו ייִדן.

די אַלע אויבנדערמאָנטע פאַקטן האָבן געפירט דערצו, אַז די ייִדן אין איטאַליע, אַדאַנק זייער צופרידן לעבן, האָבן געהאַט אַ גוטע געלעגנ־הייט צו אַנטוויקלען זיך אין וויסנשאַפט און קולטור פיל בעסער ווי זייערע ברידער אין די דייטשע פּראָווינצן. די לעצטע האָבן זיך דערווייטערט פון דער גרויסער וועלט אַרום זיך, פאַרטאָן געווען מער אין רעליגיעזע אָנגעלעגנהייטן און אויך פיל געווען פאַרנומען מיט מיסטיציזם אָדער קבלה־פאָרשונג. עס איז דאָ אַן אַלט שפּריכוואָרט: „יעדעס לאַנד האָט אירע ייִדן". און אַזוי האָט זיך דער קולטור־צושטאַנד פון די דאָזיקע לענדער — פון

---

*) לויט דער לעגענדע, אַז יעדע אומה האָט אַ מלאך אין הימל.

אײן זײט איטאַליע און פון דער צווייטער דײטשלאַנד, — אָפּגעשפּיגלט אין זײערע ײדן פון יענע צײטן. דער דיכטער עמנואל האָט געקאָנט אויפקומען מיט זיין ליטעראַרישער שאַפונג נאָר אין איטאַליע און ר׳ יהודה החסיד פון די קבלה־שעפער און ײדישן מיסטיציזם, האָט געקאָנט האָבן זײן אָרט נאָר אין דײטשלאַנד.

די ײדן אין איטאַליע זענען טאַקע געווען גרויס אין לערנען און האָבן זיך אויסגעצייכנט אויף פיל וויסנשאַפטלעכע געביטן. ס׳וועט נישט זײן קײן טעות אונטערצושטרייכן, אַז מען קאָן צושרייבן אויף זײער קאָנטע אויסער־געוויינלעכע אָריגינעלע און נײַע שאַפונגען אין חכמת־ישראל אָדער אין אַלגעמיינער וויסנשאַפט. זײער בילדונג האָבן זײ געצויגן פון די קוואַלן פון שפּאַנישע ײדן, וועלכע זענען אין מיטלאַלטער געשטאַנען אויף דער העכ־סטער שטופּע פון קולטור און ײדישער חכמה. אָבער דורך זײער באַנעמען מיט גרויס התמדה פיל געביטן פון וויסנשאַפט, איז זיי געלונגען צו פּראָגרע־סירן און ווערן קולטור־פאַרמיטלער צווישן די מערב־ און מזרח־לענדער, ביז בבל און אַפריקע. פון די דאָרטיקע ישיבות האָבן זײ אַריבערגעבראַכט צו זיך תורה און יהדות און נאָכדעם עס פאַרשפּרייט צווישן די צפון־לענ־דער. אַזױאַרום זענען די איטאַליענישע און שפּאַנישע ײדן געווען גרויסע פאַקטאָרן אין דער אַנטוויקלונג פון תורה און חכמת־ישראל איבער פיל קהילות פון דער וועלט. זײער ווירקונג איז געווען שטאַרק אָנזעעוודיק דורך דעם גאַנצן מיטלאַלטער.

דאָס איז דער אַלגעמיינער בליק און אָפּשאַצונג פונעם ײדישן עקאָ־נאָמישן און קולטורעלן צושטאַנד אין איטאַליע, אָנהייבנדיק פון 8־טן יאָר־הונדערט ביזן סוף פון מיטלאַלטער.

די פּרטים פון די אַלע געשעענישן וועלן באַהאַנדלט ווערן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

קאַפּיטל איינס

די אָנהויב-תקופה פון מיטלאַלטער

איטאַליע איז איינע פון די ווינציקע מדינות ווו דער יידישער גורל אויפן קולטורעלן און עקאָנאָמישן געביט, — וואָס איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן — איז געווען ענג פאַרבונדן מיטן גייסט און מצב פון דער אַלגע־מיינער באַפעלקערונג.

ווען איטאַליע האָט געבליט מיט איר הויכער קולטור און פילפאַר־צווייגטער וויסנשאַפט, נאָך אין די אַלטע צייטן פאַרן קריסטנטום, און אויך אין ערשטן פעריאָד נאָכדעם, זענען יידן געווען אַן אָנגעזעענער טייל אין אַלע שאַפונגען און אונטערנעמונגען פון לאַנד. עס זענען געווען צייטן, ווען יידן האָבן געהאַט דעם מוט און קראַפט צו קלויבן געלט פאַר דער אויפ־האַלטונג פון דעם איבערגעבליבענעם ישוב אין ארץ ישראל. עס געפינען זיך אויך היסטאָרישע דאָקומענטן, וואָס באַווייזן, אַז אין דער צייט ווען דער בית־המקדש האָט נאָך עקזיסטירט, האָבן יידן פון איטאַליע אים געשטיצט דורך אַ געוויסן אָפּצאָל, וואָס יעדער האָט זיך מתחייב געווען. אויך שפּע־טער, אין פאַרלויף פון עטלעכע דורות נאָכן חורבן, איז אָנגעגאַנגען דאָס שטיצן די רעשטלעך פון דער באַפעלקערונג אין ארץ ישראל און זייערע אינסטיטוציעס.

מיט דער אַנטוויקלונג פון קריסטנטום איז פאָרגעקומען אַן ענדע־רונג אינעם לעבן פון איטאַליע. מיט דער פאַרשטאַרקונג פון דער קאַטוי־לישער קירכע איז איר קולטור־צושטאַנד צעשטערט געוואָרן, און פון אירע דערגרייכונגען איז אַ תל געוואָרן. אומוויסנקייט און אַבערגלויבן האָבן באַקומען די אויבערהאַנט ביי אַלע קלאַסן פון דער באַפעלקערונג און נאַ־טירלעך, האָט זיך דער יידישער מצב דורכדעם אויך פיל געענדערט.

די עם־הארצות צווישן איטאַליענישן פאָלק האָט דעמאָלט דערגרייכט די העכסטע מדריגה; אפילו די מערהייט גלחים האָבן נישט געקענט לייע־

נען ; אַ געוויסע צאָל בישאָפן און גאָר אָנגעזעענע באַאַמטע פון דער קירכע, האָבן נישט געקענט אונטערשרייבן זייער אייגענעם נאָמען, און פלעגן אָנשטאָט דעם אַרויפלייגן זייער שטעמפּל. עס זענע געווען אַ סך פאַלן, ווען מען איז געווען געצוווּנגען צו שליסן מסחר־קאָנטראַקטן דורך אַ מינדלעכן אָפּמאַך, ווייל מען האָט אין געגעבענעם מאָמענט נישט געקאָנט געפינען עמיצן, וואָס זאָל זיין אימשטאַנד אים אָנצושרייבן. דעמאָלט האָט מען יעדע קענטעניש, וואָס האָט נישט געהאַט צו טאָן מיט רעליגיע אָדער קירכע, באַטראַכט אלס א שעדלעכן כוח, וואָס קאָן פאַרדאַרבן דעם מענטשס גייסט. פון צייט צו צייט פלעגן די קלוגערע רעליגיעזע פירער זיך באַקלאָגן אויף דער אומוויסנקייט פונעם המון, ווייל עס איז אָפט דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דער גרויסער רוב האָט נישט פאַרשטאַנען זייער ביבל און אַנדערע הייליקע ספרים. דער דאָזיקער חושך פון עם־הארצות, וואָס האָט דעמאָלט עקזיסטירט אין לאַנד, האָט אויך אין אַ געוויסער מאָס, לויט דער באַשרייבונג פון עטלעכע היסטאָריקער, געווירקט אויף דעם גייסטיקן צושטאַנד פון די יידן.

אין אזא מצב זענען פאַרבייגעגאַנגען הונדערטער יאָרן, ביז אומגעפער צום סוף פון 8־טן י״ה, ווען ס'איז דערשינען דער דייטשער קיסר קאַרל דער גרויסער. ער איז אַריבער די אַלפּן־בערג און האָט פאַרנומען דעם צפון־טייל פון איטאַליע מיט רוים, כדי צו באַשיצן דעם פּויפּסט פון זיינע שונאים, די לאָמבאַרדער *). זינט דעמאָלט האָבן ד' ליכט־שטראַלן פון בילדונג אָנגעהויבן צו פאַרטרייבן די פינצטערניש אין לאַנד און דער גאַנצער לעבנסשטייגער פון איטאַליע האָט זיך געביטן אַדאַנק דעם נייעם, פרייען גייסט, וואָס האָט אָנגעהויבן אַריינדרינגען צווישן דער באַפעלקערונג. קאַרל האָט אויפגעזוכט גרויסע געלערנטע איבערן לאַנד, זיי פאַראייניקט אַרום זיך, געבויט שולן און צוזאַמען אויסגעאַרבעט פּלענער, ווי איבערצובויען דעם גייסטיקן מצב דאָרט. איינלאַדנדיק צו זיך געלערנטע, האָט קאַרל נישט געמאַכט קיין אונטערשיד צווישן נאַציאָנאַליטעטן, און יידן האָבן אויך גענומען אַן אָנטייל אין דער דאָזיקער טעטיקייט. פון דער דאָזיקער צייט אָן קומען שוין צום אויסדרוק וויכטיקע יידישע געלערנטע אין איטאַליע.

*) אַ געוויסע רעליגיעזע סעקטע (לויט סעסיל ראָט).

קאַפּיטל צוויי

די ערשטע יידישע חכמים

מיר וועלן איצט איבערגעבן אַ קורצע באַשרייבונג וועגן די בעסערע, אויסגעצייכנטע געלערנטע יידן אין איטאַליע.

משה בן קלונימוס פון לוקא, איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם אין דער יידישער וויסנשאַפט און תלמודישער ליטעראַטור. ער איז אַרויסגערופן געוואָרן קיין דייטשלאַנד צו גרינדן אַ ישיבה אין מאַגענצע, וועלכע האָט נאָכדעם פאַרשפּרייט תורה אין דער גאַנצער אומגעגנט. די התחלה צו פאַרבינדןביידע לענדער קולטורעל, איז געמאַכט געוואָרן אַרום יאָר 787, דורך קאַרל דעם גרויסן, וועלכער איז דעמאָלט געווען אין רוים. קאַרל, ווי פריער דערמאָנט, איז געווען באַזאָרגט וועגן קולטורעלן צושטאַנד פון די דייטשע שטעט ביי דער גרענעץ פון איטאַליע, וועלכע זענען געשטאַנען אויף אַ נידעריקער מדרגה. ער האָט דעריבער אויסגעקליבן געוויסע געלערנטע פון איטאַליע און זיי געבראַכט קיין דייטשלאַנד, כדי מיט דעם צו פאַרשטאַרקן און הייבן דעם ניוואָ פון דער וויסנשאַפט אין זיין מדינה. און אַזוי האָט ער גייסטיק פאַראייניקט ביידע לענדער. היסטאָריקער ווי ש. ד. לוצאַטו און גראַס, באַמערקן אין זייערע שריפטן, אַז אויך אין דער לעצטער טעטיקייט זיינער, האָט קאַרל נישט געמאַכט קיין אונטערשיד צווישן נאַציאָנאַליטעטן און די יידן זענען געוואָרן באַטייליקט אין אַלץ מיט אַלע גלייך.

אין אַן איטאַליענישן דאָקומענט, דאַטירט פון אָנהייב יאָר 800 ווערט דערמאָנט, אַז עס איז פאָרגעקומען אַ גרויסער וויכוח מכוח רעליגיע צווישן דעם ייד יוליוס און דעם קריסטלעכן געלערנטן פעטער פון פּיזאַ, אַרום די יאָרן 66—761. דער פאַקט, וואָס דעמאָלט האָט אַזאַ דיסקוסיע געקאָנט פאָרקומען אין דעם קרייז פון איטאַליענישע געלערנטע ווייזט, אַז דער ייד האָט געמוזט זיין אַ גרויסער חכם און אַ מאַן פון תורה.

איטאַליע איז אין יענער תקופה געווען צעטיילט אויף אַ סך מדינות.

יעדע פון זיי האָט געהאַט איר מושל און זייער קולטורעלער צו־שטאַנד איז געווען פאַרשידן. געוויסע פראָווינצן זענען געווען מער פאַר־געשריטן אויפן געביט פון וויסנשאַפט, ווי די איבעריקע.

די מדינה לאָמבאַרדיע צ. ב. האָט פאַרנומען אין איטאַליע דעם אויבנאָן בנוגע קולטור־שאַפונג. אירע געלערנטע און שרייבער זענען געווען באַרימט אין אַלע אַרומיקע געגנטן. די צוויי שטעט פאַוויא און לוקא האָבן געשמט מיט זייערע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און מיט גרויסע חכמים — צווישן זיי אַ סך יידן, באַרימטע מיט זייערע פאַרשידענע קול־טורעלע דערגרייכונגען. א. מאַנום, אין זיינע היסטאָרישע באַשרייבונגען וועגן איטאַליע, דערמאָנט אָפט דעם „חכם היהודי יצחק״. אַ צווייטער ייד מיטן נאָמען „צדקיה הרופא״, איז אויך געווען באַרימט אין זיין פּראָפעסיע און מושלים זענען געקומען צו אים נאָך עצות בנוגע זייערע קראַנקע. ער האָט געהיילט דעם קיסר קאַרל („דער פליכעוואַטער״). ווען דער לעצטער איז געשטאָרבן פון אַ געוויסער אומהיילבאַרער קראַנקייט, האָבן שונאים אָדער פאַנאַטיקער געוואָלט באַשולדיקן דעם ייד, אַז ער האָט פאַרסמט דעם קיסר, אָבער זייער ווונטש פון נקמה איז נישט דערפילט געוואָרן. דאָס פאָלק האָט נישט געגלייבט אין אזעלכע בילבולים. נאָך גאונים האָבן געלעבט אין די אויבנדערמאָנטע שטעט, וועלכע מען האָט אָנפאַרטרויט אָנטיילצו־נעמען אין אַ פּאָליטישער שליחות צום באַוווּסטן סולטאַן אין מזרח, האַרון־אַל־ראַשיד, אָנגעפירט פונעם חכם יצחק. די אַלע אויבנדערמאָנטע פאַקטן זענען פאָרגעקומען אין מיטן פון 9־טן י״ה.

אין דער שטאָט קליר, פון דער מדינה סאַרדיניע, האָט נאָך אין 6־טן יאָרהונדערט זיך געפונען אַ גרויסע יידישע קהילה. אירע געלערנטע זענען געווען אויסגעצייכנטע שפּראַך־קענער און זיך באַשעפטיקט מיט איבערזע־צונגען פון גריכיש און אַנדערע אָריענטאַלישע שפּראַכן. גענויע ידיעות וועגן געלערנטע יידן פון דער דאָזיקער צייט זענען נישט בנמצא. אין איטאַליענישע שריפטן געפינט מען נאָר דערמאָנט, אַלס באַוווּסטע יידישע חכמים, אברהם הקליר און קאַניאַן. פונעם אינהאַלט ווייזט אויס, אַז די צוויי זענען געווען די אויסגעצייכנטסטע צווישן פיל אַנדערע געלערנטע. אָבער איינס איז זיכער: אַז מיט אַ פּאָר הונדערט יאָר שפּעטער, ווי שוין דערמאָנט, צוגלייך מיט דער אַנטוויקלונג פון דעם גייסטיקן צושטאַנד אין איטאַליע, איז די צאָל פון יידישע חכמים געווען גרויס. לויט צונץ און אַנ־

דערע היסטאָריקער, האָבן די יידן אַריבערגעבראַכט זייער וויסן פון די אינסטיטוטן אין בבל. זיי זענען אויך שפּעטער געשטאַנען אין נאָענטע פאַרבינדונגען מיט די דאָרטיקע גאונים, דורך שליחים און רייזנדע, וועמענס תורה זיי האָבן דערנאָך פאַרשפּרייט אין איטאַליע.

קאַפּיטל דריי

אין די צייטן פון פּויפּסט גרעגאָר דער ערשטער (דער גרויסער)

פּויפּסט גרעגאָר (604—590) ווערט אָפט דערמאָנט אין היסטאָרישע ביכער צום גוטן. אַפילו אין דער צייט, ווען ער האָט אין זיינע דרשות זיך באַקלאָגט אַז יידן איז זייער שווער צו געווינען פאַר דער קריסטלעכער אמונה. אויך ווען ער האָט געמאַכט נאָך ענלעכע אַרויסטריטן קעגן יידן, האָט מען דאָס צוגעשריבן אויפן חשבון פון פּאָליטישע מאָטיוון אָן שלעכטע כוונות. פון דער אַנדערער זייט אָבער, האָט ער געזוכט ביי אַ סך געלעגנהייטן צו פאַרטיידיקן יידן קעגן אומגערעכטע באַשולדיקונגען אָדער סתם בילבולים.

אַמאָל האָט זיך אַ בישאָף באַקלאָגט פאַר אים, אַז די יידישע שול איז צו נאָענט צו דער קירכע. די קלאַנגען פון די יידישע ניגונים שטערן זיי די צערעמאָניעס אין קירכע, וועלכע קומען פאָר אין דער זעלביקער צייט. דער פּסק, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן איז געווען: אַז די קירכע זאָל באַזאָרגן די יידן מיט אַן אַנדערן פּלאַץ פאַר אַ שול, ווייל אויך זיי מוזן האָבן אַ געלעגנהייט צו דינען זייער גאָט. דורך אַזאַ שריט מצד דער קירכע — האָט ער געזאָגט, — וועט מען גיכער געווונען דעם צוטרוי פון די יידן און זיי דערנענטערן צו אונדז. „מען דאַרף נישט וואַרפן קיין שרעק אויף די יידן, נאָר דורך גוטע באַציונגען מאַכן פון זיי אונדזערע פריינד".

אין אַ צווייטן פאַל פון אַ סכסוך צווישן אַ קירכע מיט אַ שול האָט ער אויפגעפאָדערט דעם בישאָף צו באַצאָלן פאַר דער שול, וואָס ער האָט צוגענומען, און געבן די יידן אַ בעסערן פּלאַץ פאר א נייעם בנין. עס מאַכט נישט אויס וואָסערע כוונות ס'האָבן באַהערשט דעם פּויפּסט מיט זיין פריינדשאַפט, מעגלעך, אַז צוליב כאַפּן נשמות פאַרן קריסטנטום, אָבער דורך דער צייט פון גרעגאָרס זיצן אויפן וואַטיקאַן־טראָן, האָבן יידן זיך געפילט פרייער און געלעבט זיכערער. ער פלעגט אויסהאַלטן אַ סך יידישע אביונים מיט

שפּייז און קליידונג, באַציִען זיך צו זיי מיט גרויס רחמנות און אמאָל טאַקע קריגן צווישן זיי קאַנדידאַטן אויף שמד. אָבער לסוף האָט ער זיך אַליין אַנטוישט אין זיינע מציאות, וועלכע פלעגן לעבן אַ גוטן טאָג אויף זיין חשבון, ווייל ער האָט מיט דעם נאָר פאַרגרעסערט די צאָל אוואַנטוריסטן אין לאַנד.

די יידישע מאַסן האָבן געלעבט בשלום מיט דער אַלגעמיינער באַ־פעלקערונג. די יידן זענען ד׳עמאָלט אויך געווען באַשעפטיקט מיט ערד־אַרבעט. אַ טייל האָט אפילו פאַרמאָגט גרויסע פאַרמעגנס. קריסטן פלעגן גערן אַרבעטן אויף יידישע פעלדער, ווייל די באַדינגונגען זענען דאָרטן געווען פיל בעסער ווי ביי זייערע גלויבנס־ברידער.

פּויפּסט גרעגאָר דער ערשטער (דער גרויסער, ווי אַנדערע פלעגן אים רופן), האָט פון דעם אַלעמען געוווּסט און געווען צופרידן, וואָס די קריסטלעכע אַרבעטער ביי יידן לעבט זיך גוט, נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי האָבן געמוזט רוען שבתים און יום־טובים. דאָס האָט אָבער אויפגערייצט די נאַרישע פאַנטאַזיע פון די בישאָפן און געוויסע טיילן פון המון, וועלכע האָבן אים באַלייגט מיט פּראָטעסטן. גרעגאָר האָט בעל כרחו פאַרטיידיקט סיי די יידן און סיי זייערע קריסטלעכע אַרבעטער און פאַרבאָטן די מוסרים צו טאָן זיי שלעכטס. דער צושטאַנד האָט זיך געביטן נאָכדעם ווי גרעגאָר איז שוין מער אין וואַטיקאַן נישט געווען.

קאַפּיטל פיר

די יידן אין דרום-איטאַליע

די אויבנדערמאָנטע שטריכן וועגן דער תקופה פונעם אַכטן יאָרהונ־דערט בנוגע וויסנשאַפט ביי יידן באַציען זיך צו די יידן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין צפון־איטאַליע. אָבער לויט היסטאָרישע פאַרצייכענונגען און אַרכיוון סיי אין קריסטלעכע און סיי אין יידישע שריפטן ווייזן אָן, אַז מיט איבער אַ יאָרהונדערט שפּעטער זענען געווען יידישע חכמים אויך אין דער דרום־געגנט פון לאַנד. דערצו האָבן זיי אויך געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט. עס ווערט דערציילט וועגן פיר גרויסע געלערנטע, וועלכע זענען געפאָרן אויף אַ שיף פון באַרי (פּראָווינץ נעאַפּאָל), איבער דעם אַדריאַטישן ים קיין סאבאסטאַ. דער אראבישער שיפס־קאַפּיטאַן האָט זיי געפאַנגען, אַוועקגעפירט צוויי קיין שפּאַניע און די אַנדערע — קיין אַפריקע. נאָך זייער באַפרייונג האָבן זיי זיך גענומען פאַרשפּרייטן אין יענע מדינות חכמת התלמוד און יידישע וויסנשאַפטן דורך אָרגאַניזירן דאָרט ישיבות.

צופיל ידיעות און גענויע איינצלהייטן ווי דאָס לערנען אין דרום־טייל איטאַליע איז אָנגעגאַנגען — זענען נישטאָ. אויך זענען נישט באַוווסט די אַלע געלערנטע אין דער דאָזיקער צייט. אָבער אין געוויסע ספרים, — ווי „ספר הישר" לרבנו תם, סעסיל ראָט אין זיין לעצט ענגליש בוך און אויך די, וואָס זענען דערשינען אין פראַנקרייך — ווערט אָפט דערמאָנט דער אויסדרוק, אַז „תורה וועט קומען פון באַרי און גאָטס וואָרט פון אָט־ראַנטאָ" *). די צוויי שטעט זענען געווען אין שכנות מיט פראַנקרייך. די לעצטע האָט אַזויאַרום אַ סך געשעפּט פון איטאַליע אין תורה און יידישער וויסנשאַפט (ווי ס'ווערט אויך דערמאָנט אין ספר „ערוך קאהוט I").

---

*) אַ פּאַראַפראַזע פון דעם פּסוק אין ישעיה ב', ג'.

דאָס באַשטעטיקט אין אַ גענוגנדיקער מאָס, אַז יהדות איז דאָרט געשטאַנען, נאָך אַרום דעם צענטן יאָרהונדערט, אויף אַ הויכער מדרגה. היסטאָריקער פון דער לעצטער צייט פאַרצייכענען נאָך עטלעכע ווערק, וואָס זענען דעמאָלט, אין דרום־איטאַליע, געשאַפן געוואָרן: „מדרש אויף שיר השירים", „פסיקתא רבתי", „תנא דבי אליהו" און „אבות דרבי נתן". אַנדערע ווילן אויך צורעכענען צו דער דאָזיקער צייט די ספרים: „אלף בית של בן סירא", „הלכות קצובות" און נאָך עטלעכע. די אויבנדערמאָנטע ספרים זענען שטענדיק באַטראַכט געוואָרן אַלס די שאפונג פון די חכמים אין שפּאַניע, אָבער היינט איז שוין באַשטעטיקט, אַז זיי געהערן צו די אַר־בעטן פון געוויסע געלערנטע אין דרום־איטאַליע.

איינער פון די הויפּט־יידישע חכמים אין איטאַליע פון יענער תקופה איז געווען ר' שבתי בן אברהם דאָננאָלאָ. וועגן אים ווערן דערציילט פאַר־שידענע לעגענדעס וויאַזוי ער איז דערצויגן געוואָרן און דערגרייכט די מדרגה פון חכמה ותורה. ער האָט געלעבט אין צענטן יאָרהונדערט, די צייט, ווען דער קולטורעלער צושטאַנד אין איטאַליע איז געשטאַנען נישט אויף קיין צו הויכער מדרגה. לויט ווי היסטאָריקער נעמען אָן, קאָן מען זאָגן, אַז די קולטור דאָרט איז געגאַנגען באַרג־אַראָפּ גלייך נאָכן טויט פון קאַרל דעם גרויסן. דער קיסר לאָטהאַר דער ערשטער, די פּויפּסטן אַוועגניוס דער צווייטער און לעאָן דער פערטער, צווישן די יאָרן 826—853, האָבן זיך שטאַרק באַקלאָגט אויף דעם נידעריקן דערציונגס־מצב און קול־טור אין לאַנד. אַפילו צווישן די גלחים און בישאָפן האָט זיך באַמערקט אומוויסנקייט און פשוטע עם־הארצות.

פון דעם איז לייכט צו פאַרשטיין ווי שווער עס איז אָנגעקומען דעם יונגן ר' שבתי צו לערנען און שטודירן אַלגעמיינע וויסנשאַפט. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 913 אין אָריא, פּראָווינץ אטראנטא, ווו וויסנשאַפט איז געווען מער אַנטוויקלט. ווען שבתי איז אַלט געווען צוועלף יאָר, האָבן אַראַבישע ים־רויבער, באַפאַלנדיק דעם טייל איטאַליע, געפאַנגען אים מיט זיינע עלטערן און נאָך א גרופּע יידן. קומענדיק נענטער צו א ברעג פון אַ שטאָט, האָט זיינע עלטערן אָפּגעגליקט אויסצולייזן נאָר אים — זייער זון. זיי אַליין זענען אַוועקגעפירט געוואָרן געפאַנגענע ווייטער קיין אַפריקע און שבתיען האָט מען דערלויבט צו פאַרבלייבן אין רוים.

אַ חוץ תורה און יידישע וויסנשאַפט אויף פילאָזאָפישע געביטן, האָט

ער זיך דאָרטן גענומען שטודירן מעדיצין און אַסטראָנאָמיע, וועלכע זענען אין יענער צייט געווען די הויפּט־לימודים אין וועלטלעכער בילדונג. פּיל שוועריקייטן האָט ער באַגעגנט אין זיין גרויסן חשק זיך צו לערנען די אַלע חכמות. פון יידישע ספרים, ווי ער באַמערקט אַליין אין זיינע שריפטן, האָט ער געקאָנט שעפּן ווייניק פאַר זיינע גייסטיקע באַדערפעגישן, ווייל יידן האָבן דעמאָלט נישט גערן זיך אָפּגעגעבן מיט אַזעלכע ענינים. דעריבער האָט ער זיך גענומען לערנען גריכיש, אַראַביש און אנדערע שפּראַכן, כדי צו קריגן זיין וויסנשאַפט פון אָריגינעלע קוואַלן. ער האָט אויך אַרומגערייזט אין פאַר־שידענע לענדער, געזוכט ספרים און זיי איבערגעשריבן פאַר זיין שטודירן.

ער האָט פאַרפאַסט אַ ספר א. נ. „תכמוני", אַ פּירוש אויפן באַוווסטן „ספר היצירה" געשריבן אין גייסט פון קבלה, וועגן דער וועלט־באַשאַפונג. אין זיין בוך „תכמוני" באַשרייבט ער אויך אַלע שטערונגען און שוועריקייטן, וועלכע ער האָט באַגעגנט אויפן וועג פון לערנען. ער האָט אויך געשריבן ספרים וועגן נאַטור, זון, לבנה, שטערן און מזלות, לויט די באַ־גריפן, מיט וועלכע דעמאָלטיקע פילאָזאָפן, יידן ווי קריסטן, האָבן זיך באַשעפטיקט. איצט נאַטירלעך, האָבן זיי קיין שום ווערט נישט און מיר היינט באַטראַכטן עס נאָר ווי אַ מין שפּיל פון פאַנטאַזיע. מיר וועלן דעריבער דורכלאָזן אַלע פּרטים פון די דאָזיקע פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונגען.

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז ר' שבתי דאָננאָלאָ איז געווען זייער באַפריינדעט מיט קריסטלעכע געלערנטע, פון וועלכע די גרעסטע צאָל האָט זיך געפונען צווישן קירכע־לייט, ווי בישאָפן, גלחים און מאָנאַכן. מיט דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, וואָס איז צוממערסטן באַשטאַנען פון זייער אומוויסנדע לייט, האָט ער קיין פאַרבינדונג נישט געהאַט.

די אויבנדערמאָנטע פאַקטן זענען גענוג צו ווייזן, אַז אין דער דאָזי־קער תקופה איז דער יידישער מצב אין דרום־איטאַליע אויך נישט געווען קיין שלעכטער. און ווייל מיר וויסן נישט פון קיין אַנדערע מקורות וועגן צוזאַמענשטויסן און שנאה צווישן יידן און זייערע קריסטלעכע שכנים, מוז מע זיך האַלטן ביים כלל, „אַז שווייגן איז אַ סימן צו גוטס", ד. ה., אַז אפילו די שונאים האָבן גאָרנישט געהאַט וואָס אויסצוזעצן קעגן יידן און האָבן געשוויגן.

קאַפּיטל פינף

געמיינזאַמע באַציונגען צווישן יידן און קריסטן קעגן דעם רצון פון דער קירך-פירערשאַפט

אין דער תקופה צווישן דעם ניינטן און צענטן יאָרהונדערט האָבן נישט די פּויפּסטן און נישט די קריסטלעכע באַפעלקערונג געזוכט שלעכטס צו טאָן יידן, נאָר די בישאָפן מיט זייערע גלחים. דורך פאַרשידענע מיטלען האָבן זיי געוואָלט וואָס גרעסער מאַכן דעם ריס צווישן די צוויי רעליגיעס און שטענדיק זיך משתדל געווען ביי די הויכע רעגירונגס־באאמטע, אַז מען זאָל שאַפן נייע גזירות קעגן יידן. זיי האָבן כמעט געפּועלט ביים קיסר לודוויק דעם צווייטן (855 יאָר), אַז ער זאָל אַרויסגעבן אַ באַפעל אַרויסצו־טרייבן די יידן פון גאַנץ איטאַליע. אָבער דער פּלאַן איז אַדורכגעפאַלן. די קריסטלעכע מאַסן האָבן עס נישט געשטיצט, קיין טענות צו די יידן האָבן זיי נישט געהאַט און גראָד געוואָלט לעבן מיט זיי בשלום. אַזויארום איז דער גאַנצער פאַרשלאַג געבליבן נאָר אַ דאָקומענט אויפן פּאַפּיר.

איינער פון די אָנפירער פון די שטענדיקע חטאים־זוכער אויף יידן, איז געווען אַ באַוווּסטער בישאָף ראַטעריוס פון וועראָנאַ אין מיטן פון צענטן יאָרהונדערט. מען קאָן אים געבן דעם טיטל „דער ערשטער אַנטיסעמיט אין איטאַליע". פון איין זייט איז ער געשטאַנען אין שפּיץ פון דער השכלה־באַוועגונג צווישן די מאַסן, געשריבן ביכער וועגן יושר, אמונה, גוטע מידות א.א.וו. פון דער צווייטער זייט האָט עס אים נישט אָפּגעהאַלטן פון אויס־דריקן זיך אין זיינע שריפטן מיט שנאה־ און נקמה־געפילן צו יידן, אַלץ צוליב דעם איינציקן חטא פון נישט אָנערקענען יעזוסן. אין דער אמתן, איז אַזאַ דערשיינונג גאָר קיין נייעס נישט אין דער יידישער געשיכטע. אין יעדער עפּאָכע, אפילו היינט צו טאָג, איז צו באַמערקן, אַז בילדונג און טאָ־לעראַנץ איז זייער אָפט נישט קיין שידוך. און ווייל יידן און קריסטן האָבן געלעבט גוט צווישן זיך, געהאַנדלט צוזאַמען און געהאָלפן אַנטוויקלען דאָס

לאַנד, האָט דער אויבנדערמאָנטער בישאָף קיין אָפענע אָנגריפן אויף יידן נישט געקאָנט מאַכן. ער פלעגט שטענדיק רעדן און שרייבן אין אַ פאַר־שטעלטער פאָרם, אָבער אויף אזא אופן, אז אין תוך האָבן זיינע מיינונגען וועגן יידן זיך אויסגעדריקט אין אַבסטראַקטער שנאה.

דערצו נאָך איז די מאָראַל פון די העכערע קלאַסן, איבערהויפּט צווישן גלחים, געשטאַנען אויף אַ נידעריקער מדרגה. אין איינער פון זיינע שריפטן שרייבט ראַטעריוס, אז די כומרים, די לערער פון אמונה, זענען ווייניק באַקאַנט מיט די עיקרים פון קריסטנטום. ער זאָגט, אַז זיי אַליין גלויבן נישט צופיל אין גיהנום און צווייפלען אין די דערציילונגען פון זייערע הייליקע ספרים. דעריבער איז נישט קיין ווונדער, וואָס דאָס פאָלק איז מבזה זיין רעליגיע, נאָכטוענדיק דעם ביישפיל פון די פירער. ער שעמט זיך נישט אויסצורעכענען אַ גאַנץ צעטל פון חטאים אויף די מנהיגים פון דער קירכע: אַז זיי שיכורן, האָבן באַציונגען מיט אויסגעלאַסענע פרויען און לעבן אַ „גוטן טאָג”. אַזאַ לאגע האָט מען געקאָנט באַמערקן אומעטום, אפילו אין רוים, ווו דער פויפּסט באָניפיציוס דער זיבעטער (סוף פון צענטן יאָרהונדערט), איז געווען זייער שטרענג מיט זיין פירונג אין וואַטיקאַן. די מאַסן האָבן געטאָן זייערס און געקראָכן, וואָס טיפער אין זומפּ פון אוממאָראַלישער אויפפירונג.

דער דאָזיקער פּעריאָד איז געווען די ערגסטע צייט, וואָס דאָס קריסטנטום האָט דורכגעמאַכט. די יידן אָבער, פון זייער זייט, וויסנדיק, אַז זיי זענען אַ קליינע מינדערהייט, האָבן געוווּסט ווי אָפּצושאַצן זייער לאַגע, כדי נישט צו געבן קיין געלעגנהייט זייערע שונאים צו מאַכן נייע בילבולים אויף זיי. יידן האָבן זיך געפירט באַשיידן, פאָרזיכטיק און ערלעך געפירט זייערע געשעפטן, לויט די פרינציפן פון יושר און מאָראַל, ווי די יידישע דינים פאָדערן עס. די אַרומיקע שכנים האָבן געלויבט זייערע טאָטן און שטענדיק געווען גערן צו האַנדלען מיט זיי, להכעיס די שונאים. די איינציקע זינד פון די יידן איז באַשטאַנען אין זייער גרויסער עקשנות און צוגעבונדנקייט צום יהדות, וואָס האָט, ווי דער בישאָף ראָטעריוס פלעגט זיך אויסדריקן, — פאַרשעמט די קריסטלעכע רעליגיע.

מען קאָן אפשר צוגעבן נאָך אַ סיבה, פאַרוואָס דער בישאָף איז געווען אַזוי פיינטלעך צו יידן: אין דער דאָזיקער תקופה, פלעגן זיי מיט גרויס חשק פירן וויכוחים מיט די קירכע־פאַרשטייער. און היות די יידן זענען

געשטאַנען אויף אַ העכערן שטאַפּל פון קולטור, פלעגן זיי שטענדיק אַרויס־קומען די זיגער אין וויכוחים בנוגע אמונה־אָנגעלעגנהייטן. פאַר די מאַסן פלעגן די גלחים זיך באַרימען מיט זייערע מופתים, אָבער אין קעגנוואַרט פון יידן זענען זיי, באַטירלעך, דורכגעפאַלן און אָפט פלעגט עס קומען צו געשלעגן צווישן ביידע צדדים.

דעמאָלט — ווי עס ווייזן היסטאָרישע אַרכיוון, — האָבן יידן געהאַט דאָס רעכט און פרייע מעגלעכקייטן צו פירן אַזעלכע דיסקוסיעס אָן שום מורא צו זאָגן דעם אמת לויט זייערע איבערצייגונגען. די יידישע אַרגו־מענטן פלעגן מאַכן אַ גוטן איינדרוק אויף די מאַסן, און דאָס מוסר־זאָגן פון די בישאָפן צו דער באַפעלקערונג האָט ווייניק געהאָלפן.

דער בישאָף ראַטעריוס, זעענדיק ווי יידישע געלערנטע זענען מצליח אין זייערע דיסקוסיעס וועגן אמונה און נעמען שטאַרק אויס ביים עולם, האָט זיך גענומען צו פעלשן דאָקומענטן, כדי מיט דעם פאַרשעמען די יידישע געלערנטע. ער האָט געשאַפן עטלעכע ביכער, אין וועלכע ער רעכנט אויס אַ סעריע וויכוחים צווישן יידן און קריסטן אויף אַזאַ אופן ווי די לעצ־טע זאָלן האָבן מנצח געווען. עס איז איבעריק איבערצוגעבן דעם אינהאַלט פון די דערציילונגען אין זיינע ביכער, וועלכע געפינען זיך אין עטלעכע איטאַליענישע ביבליאָטעקן, ווייל די פאַלשקייט זייערע ווייזט זיך אַרויס באַלד ביים בלעטערן די ערשטע פאַר זייטן. ער דערמאָנט דאָרט גרויסע יידישע חכמים, פון וועלכע אונדזער געשיכטע ווייסט גאָרנישט; אָדער ער באַשרייבט ווי אַ כהן־גדול האָט געפירט וויכוחים מיט נישט־יידן, אין אַ געוויסער תקופה, בעת ס׳איז אַלעמען באַוווסט, אַז אין דער דאָזיקער צייט איז שוין קיין זכר נישט געווען פון כהונה ביי יידן.

קאַפּיטל זעקס

דער גייסטיקער צושטאַנד פון די יידן אינעם צענטן יאָרהונדערט

נאָך ר׳ שבתי דאָנאָלאָ איז צו דערמאָנען אַ צווייטן גרויסן יידישן געלערנטן, דעם מחבר פונעם ספר „יוסיפון הקטן״, אָבער זיין נאָמען איז נישט באַוווּסט. די היסטאָריקער צונג און גרעץ גיבן אין זייערע ווערק אַ גענויע באַשרייבונג וועגן דער דאָזיקער פּערזאָן, וואָס האָט נישט געוואָלט, אַז זיין נאָמען זאָל מפורסם ווערן, און גיבן אָן געוויסע סיבות דערפון. „יוסיפון הקטן״ אַנטהאַלט די געשיכטע פון יידן און קריסטן אין רוים, געשריבן לערך אין יאָר 940. פון זיין שרייבן זעט מען, אַז ער האָט זיך באַנוצט מיט אַ מאַטעריאַל צונויפגעקליבן פון פאַרשידענע קריסטלעכע און אראַ־בישע ספרים צוזאַמען מיט די פון יידישע קוואַלן, און אַזויאַרום האָט ער צונויפגעשטעלט אַ חיבור אין אַ קלאָרער העברעישער שפּראַך. אין זיין ספר ווייזט ער אַרויס גרויס בקיאות אין געשיכטע און געאָגראַפיע, וועלכע ער האָט צונויפגעמישט מיט פאַנטאַסטישע דערציילונגען, ווי עס איז געווען דער מינהג דעמאָלט כמעט ביי אַלע שרייבער, יידן ווי קריסטן, לויט דעם געשמאַק און פאָדערונג פון די ברייטע מאַסן.

אַ נייער סטיל פון אויסטייטשן די תורה האָט זיך דעמאָלט אַנטוויקלט אין דער רבנישער ליטעראַטור נאָך דער שליסונג פון תלמוד. מען האָט דעם דאָזיקן סטיל אַראָפּגעבראַכט פון בבל קיין איטאַליע, אַוועק פון פשט און זיך פאַרנומען מיט דרוש, דורכגעפלאָכטן מיט מעשהלעך און חלומות. אַזוי קאָן מען עס אויך באַמערקן ביי יידישע משוררים, די שעפער פון פּיוטים אין איטאַליע. די העברעישע שפּראַך דאָרט איז גאָרנישט קיין גרינגע. אין פיל פאַלן איז זי גראַמאַטיש שלעכט, ווייל פאַנטאַזיע און גראַמען האָבן גע־שפּילט די הויפּט־ראָל אין שרייבן שירים, ווי מען קאָן עס באַמערקן אין פיל פּיוטים צו די יום־טובים און ימים־נוראים. די פּייטנים זענען געווען אונ־

טער דער השפעה פון דער אַראַבישער פּאָעזיע אין בבל און פון לאַטיינישן „הימנון״ (רעליגיעזע דיכטונג), אַ געמיש פון צוויי קולטורן. אָבער דער אינהאַלט פון די שירים און פיוטים פאַרמאָגט אַ דערהויבונג פון גייסט, אַ בענקשאַפט נאָך געטלעכער שיינקייט און גרויסקייט פון דער נאַטור.

ווען מען גייט דורך די לעגענדעס און מעשהלעך אין דער יידישער ליטעראַטור פון פינפטן ביז איבער דעם צענטן יאָרהונדערט, איז לייכט צו באַמערקן די ענלעכקייט זייערע צו די רעליגיעזע קריסטלעכע שריפטן אין איטאַליע פון דער זעלביקער צייט. די הויפּט־סיבה איז, וואָס די ערשטע קריסטן אין רוים און אומגעגנט זענען דאָך געווען גוטע, פרומע יידן, וועלכע האָבן געהאָלפן פאַרשפּרייטן די לערע פון נוצרי. אפילו ווען די יידישע קריסטן, אין פאַרלויף פון פיל דורות, האָבן זיך ביסלעכווייז אָפּגעשפּאָלטן פון יידישן פאָלק, האָט נאָך אַלץ, במשך פון אַ לאַנגער צייט, עקזיסטירט א מין צומישונג פון יידישע דינים און מנהגים, איבערהויפּט צווישן די ברייטע מאַסן אין לאַנד. עס איז כדאי צו באַמערקן געוויסע היסטאָרישע פאַקטן וועגן דאָזיקן צושטאַנד אין גאַנג פון עטלעכע יאָרהונדערטער. דער פּויפּסט לעאָן דער גרויסער, האָט צווישן די יאָרן 461—440 אַרויסגעגעבן געזעצן קעגן די קריסטן, וועלכע היטן אָפּ די זעלביקע תעניתים ווי די יידן. דער פּויפּסט גרעגאָר דער גרויסער (דער ערשטער), סוף זעקסטן יאָרהונדערט, האָט געמוסרט זיינע לייט אין רוים, וועלכע פלעגן נאָך פייערן שבת אַלס אַ רו־טאָג *). דער ראַט פון גלחים אין שטאָט פריאולי, פּראָווינץ לאָמבאַרדיאַ, מיט צוויי הונדערט יאָר שפּעטער (791), האָט זיך נאָך אַלץ שטאַרק באַקלאָגט, אַז די פּויערים אַרום זייער געגנט היטן אָפּ שבת.

אין פאַרלויף פון עטלעכע הונדערט יאָר שפּעטער, האָבן זיך אין איטאַליע באַוויזן פאַרשידענע סעקטעס, וועלכע האָבן געמאַכט אַ ריס אין דער קריסטלעכער רעליגיע. לויט היסטאָרישע, איטאַליענישע קוועלן קאָן מען אָנווייזן, אַז די פאַרשטייער פון דער קאַטוילישער קירכע אין 12־טן י״ה האָבן געדרשנט און געשיקט צירקולאַרן קעגן די אַפּיקורסים און סעקטעס ווי די „פּאַסגים״ און שפּעטער אין 15־טן י״ה אויך די „נעאָפּיטן״, וועלכע פלעגן אָפּהיטן געוויסע יידישע מצוות, ווי: מילה, שבת, א.א.וו.

---

*) פונדעסטוועגן איז ער נישט געווען דאַקעגן וואָס קריסטן, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי יידן, האָבן גערוט שבת, ווייל זיי זענען געווען גוט באַלוינט (זע קאַפּיטל 3).

באַטראַכטנדיק די אַלע אויבנדערמאָנטע היסטאָרישע פּאַקטן, איז נישט איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז עס איז געווען אַ סאָרט פאַרבינדונג בנוגע רעליגיעזע ענינים צווישן אַ טייל יידן און קריסטן. זיי האָבן געלעבט און געהאַנדלט צוזאַמען. עס זענען אויך צומאָל פאָרגעקומען געמישטע חתונות לויט דער באַשטעטיקונג פונעם ספר „תנא דבי אליהו״, געשריבן אין דער דאָזיקער תקופה פון אַן איטאַליענישן ייד. מיר ברענגען דאָ ווייטער עטלעכע פאַקטן פונעם דאָזיקן ספר, אָדער, ווי אַנדערע רופן עס, מדרש.

„תנא דבי אליהו״ איז די אַרבעט פון א בעל־דרשן, וועלכער איז אַרומגעפאָרן איבער פיל לענדער, זיך צוגעקוקט צום לעבן פון פעלקער, צו זייערע זיטן, קולטורעלער שאַפונג, און אַזוי האָט ער אָנגעזאַמלט אַ סך וויסנשאַפט און קענטשאַפט. באַגעגענענדיק זיך מיט אַזוי פיל פעלקער און זייערע פילפאַרביקע כאַראַקטערן, האָט ער דעם אָנגעזאַמלטן מאטעריאל אויף זיינע נסיעות צונויפגעשטעלט אין אַ ספר און צוגעפּאַסט עס צום גייסט פון יידישע מידות און טראַדיציעס. דעם ספר האָט ער אַ נאָמען געגעבן „תנא דבי אליהו״. היסטאָריקער ווילן גלויבן, אַז די סיבה פון דעם נאָמען איז געווען, אַז דער עולם וועט האָבן מער צוטרוי און חשק צום לייענען צוליב דעם קלינגענדיקן נאָמען „אליהו״ (קיין באַווייזן זענען דערויף נישטאָ).

דאָס בוך נעמט אַרום די הויפּט־פּרינציפּן פון אונדזער מאָראַל און גוטע מידות, מיט וועלכע דאָס יהדות איז אַזוי רייך. דערצו האָט ער אין זיין שרייבן שטאַרק באַקעמפט די אַסימילאַטאָרישע נייגונגען, וואָס האָבן זיך באַוויזן צווישן פיל יידן אין לאַנד. זיי האָבן געשטרעבט צו ווערן נאָענטע מחותנים מיט זייערע קריסטלעכע שכנים און גיין אין זייערע וועגן אַזוי ווייט ביז געמישטע חתונות. עס איז אינטערעסאַנט, אַז די זעלביקע מוסר־רייד, וואָס דער מחבר פון „תנא דבי אליהו״ האָט באַנוצט קעגן צופיל מחותנים־שאַפט מיט קריסטן, האָט אויך באַנוצט דער בישאָף ראַטעריוס לגבי די קריסטן, אַז זיי זאָלן זיך נישט חברן מיט יידן. דאָס באַווייזט, ווי ענג פאַר־בונדן עס זענען געווען די צוויי קיבוצים אין דער ערשטער תקופה פון דער יידישער געשיכטע אין איטאַליע.

קאַפּיטל זיבן

יידישע וויסנשאַפט אין דער תקופה פון עלפטן און צוועלפטן יאָרהונדערט

מיר וועלן אָנהייבן מיט אַן עטנאָגראַפיש בילד פון דער יידישער באַפעלקערונג אין איטאַליע, לויט דער באַשרייבונג פונעם באַוווסטן יידיש־שפּאַנישן רייזנדן בנימין פון טודעלאָ, פון די ערשטע יידישע כראָניקער אין 12־טן יאָרהונדערט, וואָס האָט באַזוכט די מערסטע שטעט אין איטאַליע אויף זיין וועג קיין ארץ־ישראל, און אָנגעשריבן א באַריכט אין זיין ספר וועגן לעבן פון די דאָרטיקע יידן.

די ערשטע שטאָט איז געווען גענואַ, ווו אינעם זעקסטן יאָרהונדערט איז געווען אַ באַדייטנדיקע אַנטוויקלטע יידישע קהילה. דאָרטן האָט ער געפונען נאָר צוויי יידן, רבי שמואל און זיין ברודער ר׳ יוסף, די איבער־געבליבענע נאָכן גירוש, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער שטאָט מיט אַ גע־וויסע צייט פריער. מיט צוויי טעג שפּעטער איז ער אָנגעקומען קיין פּיזאַ, וועלכע האָט זיך דעמאָלט גערעכנט אַלס א מעכטיקע רעפּובליק מיט קאָלאָ־ניעס אין סיריע און מצרים. אויך האָט זי פאַרמאָגט אין איר רשות אַ נעץ פון פאַבריקן אין פאַרשידענע פּונקטן. דאָרט האָט בנימין געפונען צוואַנ־ציק יידישע פאַמיליעס. אַ ביסל ווייטער איז געווען די שטאָט לוקאַ, מיט פערציק יידישע פאַמיליעס אָדער צוויי הונדערט נפשות. ווייזט אויס, אַז בנימין האָט מער ווי עטלעכע שטעט אין צפון־איטאַליע נישט באַזוכט. אָבער פון אַנדערע קוועלן, לויט דעם היסטאָריקער סעסיל ראָט, ווייסן מיר, אַז אַ יידישע קהילה האָט זיך געפונען אין דער זעלביקער צייט (אין יאָר 1162) אויך אין ווענעציע, — אַרום 1.300 נפשות. גרעסערע אָדער קלענערע קהילות האָבן זיך אויך געפונען אין די שטעט אַקווילאַ, פעראַדאַ, מאַנטואַ, וועראָנאַ און סיווידייל, וועלכע ווערן אָפּט דערמאָנט אין דער רבנישער ליטעראַטור.

אין רוים האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, געפונען דאָרטן אַרום צוויי הונ־דערט יידישע פאַמיליעס, וועלכע האָבן געלעבט בכבודיק, פאַרמאָגנדיק זייערע אייגענע בילדונג־אינסטיטוציעס, וואָס האָבן פונקציאָנירט אומגע־שטערט מצד דער רעגירונג. פון רוים איז ער אַוועק אין די דרום־שטעט, ווי אטראנטא און קאפּוא, די לעצטע מיט אַ יידישער באַפעלקערונג פון 300 — (עס איז נישט קלאָר פון זיין שרייבן — נפשות אָדער פאַמיליעס). אין נעאָ־פּאָל זענען שוין דעמאָלט געווען איבער 500 יידן, אַ קהילה, וואָס האָט אָנ־געהאַלטן איר עקזיסטענץ אין משך פון פיל דורות, אָן שטערונגען, כמעט ביז דער לעצטער וועלט־מלחמה. מיט הונדערט יאָר שפּעטער האָט די דאָזיקע קהילה שוין געציילט איבער 1.500 און פאַרמאָגט זייער אַ רייכע סינאַגאָגע. בנימין דערציילט ווייטער, אַז אין סאַלערנאָ האָבן זיך געפונען אַרום 600 יידישע נפשות; אין בענעווענטא — 200; אמאלפי — נאָר צוואנציק יידן; איבער 200 אין מעלפי; אין אסקאלי נאָר 40 יידן, וועלכע האָבן געשפּילט א גרויסע ראָל אין מסחר.

די געגנט, וואָס מען רופט „דער קנאָפּל" פון איטאַליע (פון דעם באַוווסטן איטאַליענישן געאָגראַפישן שטיוול), האָט פאַרמאָגט אַ סך פּאָרטן, וואָס האָבן געפירט גרויסע מסחרים מיטן אָריענט, ספּעציעל מיט ארץ־ישראל. דאָרטן האָט בנימין געפונען פיל יידן: טראַני — 200; טאַראָנטא — 300. — אַלע גוטע פאַכלייט אין פאַרבעריי א.א.וו. אויף זיין וועג צוריק אַהיים קיין שפּאַניע, צווישן די יאָרן 73—1170, האָט בנימין זיך אָפּגע־שטעלט אין פּאָרט מעסינאַ, ווו ער האָט געפונען צוויי הונדערט יידן. אַלע רייך און געלעבט אין לוקסוס. נאָכדעם אין פּאַלערמאָ, ווו צו זיין איבעראַשונג האָט ער דערזען אַ קהילה פון 1.500 (אויך דאָ פאַרצייכנט ער נישט נפשות צי פאַמיליעס).

לויט די דאָקומענטן, וואָס סעסיל ראָט ברענגט אין זיין בוך, זענען יידן געווען גוט אָרגאַניזירט און איינגעפונדעוועט אין נאָך אַ ריי שטעט פון דרום־איטאַליע, ווי למשל: נאסא, קאַטאַניא, גאזזא, סיראַקוז, מאלטאַ א.א.וו.

פון דער אויבנדערמאָנטער סטאַטיסטיק קאָן מען אָננעמען, אַז אין בנימינס צייטן האָט די יידישע באַפעלקערונג אין איטאַליע דערגרייכט, אָן ערך צו 40.000 נפשות צווישן אַן אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון אַכט

מיליאָן. מעגלעך, אַז נײַ־געפֿונענע דאָקומענטן אין דער צוקונפֿט װעלן געבן אַן אַנדערע באַלײַכטונג װעגן די ציפֿערן.

װי עס איז באַװוּסט, האָט ייִדישע װיסנשאַפֿט, תּורה און חכמה געבליט אין געװיסע מדינות אין דער תּקופֿה פֿון 11־טן און 12־טן יאָרהונדערט. אָבער צומערסטן האָט זיך אױסגעצײכנט שפּאַניע און פֿראַנקרײַך. עס איז גענוג צו דערמאָנען די גרױסע ריזן און שעפֿער פֿון יהדות אין די דאָזיקע צװײ לענדער, װי: רש״י, ר׳ יהודה הלוי, רבינו תּם און ר׳ שלמה בן גבירול. אין פֿראַנקרײַך זענען געװען באַװוּסט די בעלי מפֿרשים — פֿאַר־טײַטשער — פֿון תּורה און תּלמוד — אָן װעלכע די װײַטערדיקע דורות װאָלטן ביזן הײַנטיקן טאָג נישט געװען אימשטאַנד צו שטודירן די ייִדישע מקורות. אין שפּאַניע זענען די ייִדן געװען די שעפֿער פֿון פּאָעזיע, פֿילאָזאָ־פֿיע, ליטעראַטור און דיקדוק. דאַקעגן אין איטאַליע, אין דערזעלביקער צײַט, זענען ייִדישע געלערנטע נישט געװען װעלט־באַרימט, אָבער זײ האָבן זיך אױסגעצײכנט אין געװיסע געביטן פֿון תּלמוד. רש״י דערמאָנט, אין עטלעכע ערטער פֿון זײַנע שריפֿטן, די „חכמי רומי״, גרױס אין לערנען. װען ר׳ קלונימוס פֿון רױם איז געקומען קײן װאָרמס, האָבן די לומדים דאָרטן זיך נישט געקאָנט אָפּװוּנדערן פֿון זײַן בקיאות און שאַרפֿקײט אין תּלמוד. אָבער אין אַלגעמײן זענען ייִדישע געלערנטע פֿון איטאַליע גע־שטאַנען נידעריקער װי די פֿון שפּאַניע אָדער פֿראַנקרײַך סײ אין יהדות און סײ אין אַלגעמײנער װיסנשאַפֿט, ביז מיט אַ צײַט שפּעטער, װען דער מצב האָט זיך געענדערט.

דער אַלגעמײנער קולטורעלער צושטאַנד אין יעדן לאַנד האָט געװירקט אויפֿן גײַסטיקן לעבן פֿון די דאָרטיקע ייִדן. שפּאַניע איז דעמאָלט געשטאַנען אויף דער העכסטער מדרגה פֿון דער אַראַבישער קולטור און װיסנשאַפֿט און די ייִדן האָבן געהאַט די געלעגנהײט צו אַנטװיקלען זיך פֿרײַ, לױטן גײַסט פֿון זײערע שכנים און דורכדעם האָבן זײ אויך געקענט פּראָגרעסירן אין יהדות. אין פֿראַנקרײַך דאַקעגן, איז די באַפֿעלקערונג געשטאַנען אויף אַ נידעריקער קולטור־שטופֿע. די פֿינצטערע כּוחות פֿון די מאָנאַכן און מאָנאַשקעס האָבן נישט צוגעלאָזן קײן גײַסטיקע פֿרײַהײט און װיסנשאַפֿט און דאָס האָט געװירקט אויף ייִדן זיך אָפּצוזונדערן און לעבן אין זײער אײגענער ספֿערע. זײ האָבן פֿאַרשטאַרקט זײערע פּאָזיציעס אַרום יהדות, װאָס װײַטער פֿאַרגרעסערט זײער שאַפֿונג אין חכמת ישׂראל און

אַרויסגעגעבן גרויסע דענקער אין תלמודישער ליטעראַטור, אָבער זייער ווייניק געקענט געניסן פון אַ פריי גייסטיק לעבן.

אין איטאַליען איז דער מצב פון דער אַלגעמיינער קולטור געווען גאָר אַנדערש. די ווייסנשאַפט וואָס האָט אַזוי געבליט אין שפּאַניע אונטער דער אַראַבישער קולטור, האָט נישט געקענט דערגרייכן צו די יידן אין איטאַליע, ווייל די אַראַבישע שפּראַך איז זיי געווען אינגאַנצן פרעמד. אין איטאַליע גופא האָבן זיי נישט געהאַט די מעגלעכקייט זיך פאַרנעמען מיט קולטור, ווייל די באַפעלקערונג דאָרטן, אין דער דאָזיקער תקופה, איז געווען פאַרזונקען אין שטותעריי און רעליגיעזן פאַנאַטיזם, אונטער דער ווירקונג פון דער קירך און אבערגלויבן, אַ חוץ אין לאָמבאַרדיע, דער איינציקער געגנט, ווו די באַפעלקערונג איז געווען קולטורעל אַנטוויקלט. אין רוים און אַרום איר האָט זיך דעמאָלט נישט געפונען אפילו קיין איין געלערנטער ליטעראַט. פאַר די יידן איז געבליבן דער איינציקער און גרינגער וועג צו קומען אין נאָענטער פאַרבינדונג מיט זייערע ברידער אין בבל און אַפריקע, ווו חכמת ישראל, בעסער געזאָגט, די תלמודישע ליטעראַטור, איז געשטאַנען זייער הויך: און אַזוי מיט דער צייט, אַ דאַנק דער דאָזיקער מעגלעכקייט, האָט מען שוין געקענט געפינען אויך אין איטאַליע פיל תלמודישע געלערנטע. דער היסטאָריקער צונץ שרייבט, אַז אין געוויסע ספרים ווערן זיי דערמאָנט אַלס „גאונים", אַ נאָמען וואָס איז זעלטן געגעבן געוואָרן צו גרויסע רבנים אין אַנדערע אייראָפּעישע מדינות, וועלכע זענען געשטאַנען אויף אַ סך געביטן פיל העכער אין זייער לומדות.

איינער פון זיי, וועלכער האָט זיך אַממערסטן אויסגעצייכנט, איז געווען רבנו נתן בר יחיאל הרומי. אין יאָר 1110 האָט ער פאַרענדיקט זיין ספר „הערוך", אַ תלמודישער ווערטער־בוך מיט דיקדוק. און כאָטש דער חיבור איז צו אונדז שפּעטער אָנגעקומען נישט פאַרענדיקט, פונדעסטוועגן ווערט ער פאַררעכנט אַלס אַ וויכטיקע שאַפונג אין דער תלמודישער און העברעישער ליטעראַטור פון מיטלאַלטער. לויט אונדזערע היסטאָריקער און קריטיקער ווי: ש. י. ראַפּאָפּאָרט, קאהוט און גרעץ איז דער ספר אַ שליסל צו תלמוד־פאַרשונג. ר' נתנס פאָטער, ר' יחיאל, איז געווען אַ תלמוד־חכם און אַ מחבר פון פיוטים פאַר יום־טובים. זיינע צוויי ברידער — דניאל און אברהם — זענען אויך געווען באַוווסטע גדולים אין תלמוד

ויהדות. ר׳ נתן איז אַוועק קיין פראַנקרייך און דאָרט געלערנט ביים גדול ר׳ משה הדרשן. פונעם ספר „הערוך״ איז לייכט צו פאַרשטיין, אַז דער מחבר האָט געקענט עטלעכע שפּראַכן אַ חוץ איטאַליעניש און אויך געווען באַהאַוונט אין אַלגעמיינער וויסנשאַפט און נאַטור־פאָרשונג. בכלל מאַכט דער „הערוך״ דעם איינדרוק פון אַן ענציקלאָפּעדיע און לויטן אינהאַלט קאָן מען זאָגן, אַז ער איז נישט געשריבן געוואָרן פאַר די ברייטע מאַסן, נאָר דורכאויס פאַר געלערנטע, וועלכע האָבן זיך באַנוצט מיטן ספר אַלס אַ וועגווייזער אין זייערע לימודים. דאָס ווייזט, אַז אין לאַנד האָבן זיך דעמאָלט געפונען אַ סך לומדים.

סעסיל ראָט באַמערקט אין זיין בוך, אַז אין פּאָרט־שטאָט סיפּאָנטאָ האָט זיך געפונען אַ גרויסע יידישע אַקאַדעמיע אָדער ישיבה, אין וועלכער עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אַ סך געלערנטע. די לעצטע פלעגן אויך אָפט באַזוכן די ישיבות אין בבל און פון דאָרטן ברענגען מיט זיך אַ סך וויסנ־שאַפט אין יהדות און עס פאַרשפּרייטן צווישן אַנדערע תלמידים. צו די מער באַוווסטע חכמים קאָן מען צורעכענען: ענן בן מארינוה, יצחק בן מלכי צדק, דיכטער און שאפער פון חיבורים, ביידע אין סיפּאָנטאָ; משה בן חלפה, דער ראש־הישיבה אין באַרי, מאזאליא אבן אל־באַזאַק אין פּאַלערמאָ און ר׳ קלונימוס בן שבתי אין רוים. נאָך איינער פון רוים — מנחם בן שלמה איז געווען באַרימט מיט זיין ספר „מדרש שכל טוב״, אַ פירוש אויף תהילים. די ישיבה אין ווערָאנאַ האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר גרויסקייט אונטער דער פירערשאַפט פון אליעזר בן שמואל. און אַזוי קאָן מען צוגעבן נאָך אַ צעטל פון יידישע געלערנטע, וועלכע האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין לעבן פון דעם יידישן יישוב אין לאַנד און זיך באַרימט געמאַכט מיט זייער שאַפונג אויפן געביט פון חכמת ישראל.

דער דאָזיקער מצב דעמאָלט האָט מיטגעווירקט, אַז די יידישע באַפעלקערונג פון איטאַליע זאָל באַקומען אַ גוטן נאָמען אין די שכנותדיקע לענדער. אברהם אבן עזרא פון טאָלעדאָ, שפּאַניע, האָט זיך שטאַרק פאַר־אינטערעסירט מיטן יידישן יישוב אין איטאַליע, פאַרלאָזן זיין וווינאָרט און פאַרבראַכט אַ צאָל יאָרן אין רוים, מאנטאבא, לוקאָ און אנדערע שטעט. זייענדיק אין איטאַליע האָט ער געשאַפן ספרים און פירושים אויפן תנ״ך און חיבורים פון דיקדוק. זיין הויפּט־ציל איז געווען צו פאַרשפּרייטן צווישן די לומדים דאָרט די העברעישע שפּראַך און אַנדערע יידישע

לימודים (אַ חוץ תלמודישער ליטעראַטור), וועלכע זענען דעמאָלט געווען זייער אַ באַגרענעצטע וויסנשאַפט צווישן יידן. אין איטאַליע האָט מען באַטראַכט אַנדערע לימודים אויסער תלמוד אלס אפיקורסות, אָבער די אָנוועזנהייט פון אבן עזרא מיט נאָך חכמים פון שפּאַניע, וואָס זענען שפּעטער אָנגעקומען, האָט געהאָלפן צו פֿאַרשפּרייטן דאָרט יידישע קולטור אויף פיל געביטן.

זיין תלמיד, ר׳ שלמה בן פרחון, האָט זיך קומענדיק פון שפּאַניע באַזעצט אין סאלערנא (יאָר 1160) און האָט אַ סך מיטגעהאָלפן אבן עזראן אין באַקענען די יידן אין איטאַליע מיט דער פּאָרשונג פון תנ״ך און דער אויפלעבונג פון דער העברעישער ליטעראַטור. ר׳ שלמה האָט געשאַפן אַ סאָרט ענציקלאָפּעדיע: „מחברת הערוך״, באַנוצנדיק זיך אין דער דאָזיקער אַרבעט מיט אַראַבישע חיבורים פון יידישע געלערנטע אין שפּאַניע. אויף דעם אופן איז די יידישע קולטור צווישן די יידן אין איטאַליע פיל באַרייכערט געוואָרן.

קאַפּיטל אַכט

דאָס עקאָנאָמישע און סאָציאַלע לעבן אין דער דערמאָנטער תקופה

אויב די יידן אין איטאַליע האָבן דעמאָלט נישט פאַרמאָגט קיין סך גרויסע, וועלט־באַרימטע געלערנטע און די מאָסן בכלל זענען געווען ווייניק קולטורעל אַנטוויקלט, האָבן זיי אָבער דאָקעגן פיל דערגרייכט אין מסחר, האַנטווערק און אינדוסטריע. די געשיכטע פון יידן אין די שכנותדיקע לענדער צו צפון איז פיל מיט פאַקטן ווי אַזוי זיי זענען דאָרטן געווען עקאָנאָמיש אונטערדריקט בנוגע אַרבעט און פאַכן. ספּעציעל איז עס דעמאָלט געשען אין די דייטשע פּראָווינצן, ווו שטאַרק־אָרגאַניזירטע פאַך־צעכן האָבן נישט דערלאָזן יידן צו קיין שום פאַך אָדער אַרבעט און באַ־שעפטיקונגען. מען האָט זיי כמעט מיט געוואַלד געטריבן צו מסחר און געלט־עסקים. אין איטאַליע אָבער, ווי אויך אין אַנדערע לענדער צו דרום, זענען זיי געווען פולקאָם פריי צו אַרבעטן און אויסקלייבן דאָס פאַך, וואָס איז זיי בעסער געפעלן. אין דער שטאָט סיציליע זענען כמעט אַלע מלאכות און פאַכן געלעגן אויסשליסלעך אין יידישע הענט. ר׳ בנימין דער רייזנדער דערציילט אין זיינע שריפטן, אַז אויך אין גריכנלאַנד, אויפן באַוווּסטן באַרג „פּאַראַנאַסוס״, האָט ער באַגעגנט אַרום צווייהונדערט יידישע גוט־באַזיצער, ווי זיי האָבן פלייסיק געאַרבעט אויף זייערע פעלדער. אין דער־גרויסער שטאָט טהיבן האָט ער געפונען אַרום צוויי טויזנט יידן באַשעפ־טיקט אין דער אינדוסטריע פון זיידענע קליידער און זיי זענען געווען באַוווּסט אַלס די בעסטע אין דעמדאָזיקן פאַך. דער קיסר פון סיציליע, לויט גרעצן, האָט איינגעלאַדן יידישע פאַבליית פון גריכנלאַנד, אַז זיי זאָלן זיך באַזעצן אין זיין מדינה, כדי צו אַנטוויקלען און פאַרגרעסערן די זייד־מאַנופאַקטור דאָרטן. מען קען אָנווייזן, אַז יידן האָבן אין נאָך אַנדערע שטעט פון איטאַליע געאַרבעט מיט גרויס חשק אויף פיל געביטן

און זיך מפרנס געווען פון זייערע אייגענע הענט מיט כבוד. אין ברינדיסי, דערציילט ר׳ בנימין, האָט ער באַגעגנט פיל יידישע פאַרבערס און טאָקע גוטע ספּעציאַליסטן אין זייער אַרבעט. אויך פון אַנדערע היסטאָרישע קוואַלן איז צו זען, אַז יידן אין אַ גרעסערער צאָל שטעט זענען געווען באַשעפטיקט מיט פאַרבעריי פון רויער וואָל, באַוול, זיידענע שטאָפן און אויך פאַרטיקע קליידער.

די רעגירונג האָט געהאַט אַ גרויסע הכנסה פון אָפּצאָל, וואָס די פאַרבערייען האָבן געמוזט אַריינטראָגן אין איר קאַסע, און ווי עס ווייזט אויס, איז דאָס געווען איינע פון די הויפּט־פּראָדוקציעס אין לאַנד. אגב האָט מען דעם שטייער גערופן: „דער יידישער אָפּצאָל״, וואָס קען באַ־שטעטיקן, אַז די יידן האָבן פאַרנומען דעם הויפּט־פּלאַץ אין דעמדאָזיקן פאַך. אין אַ צווייטער געגנט, סאַרדיניע, געפינט מען, אַז יידן האָבן זיך אויך באַשעפטיקט מיט גאַרבעריי, גראָבן קוילן און מעטאַלן, פון וועלכע אַ סך אייגנטימער זענען גאָר רייך געוואָרן.

היסטאָריקער ווייזן אָן, אַז אין אַנדערע שטעט זענען יידן געווען סוחרים און באַנקירן, דערהויפּט אין די פּאָרט־שטעט ווענעציע, נעאַפּאָל, פּאַלערמאָ א. אנד. דעמאָלט האָט מען אין איטאַליע קיין גרויסן ווען פון הלוואות און פּראָצענט־געשעפטן נישט געמאַכט. מען האָט קיינעם, ספּע־ציעל יידן, נישט באַשולדיקט אין אומערלעכקייט ווי דאָס איז געשען אין די דייטשע פּראָווינצן און פראַנקרייך. די באַהויפּטונג פון עטלעכע קריסט־לעכע היסטאָריקער, אין דער לעצטער צייט, אַז פּויפּסטן און מושלים האָבן דעמאָלט געהאַסט און אַרויסגעוויזן פיל צאָרן קעגן פּראָצענט־געשעפטן האָט קיין גרונט נישט. ביי אונדז דאַרף מער זיין באַגלויבט ר׳ בנימין רייזנדער, וועלכער באַשטעטיקט אין זיין ספר, אַלס לעבעדיקער עדות, דאָס וואָס ער האָט געהערט און געזען, אַז יידן האָבן לחלוטין נישט געליטן פון אַזעלכע בילבולים.

אין פאַרלויף פון עלפטן און צוועלפטן יאָרהונדערט האָבן זיך געביטן זעקס און דרייסיק פּויפּסטן אין רוים און נאָר געציילטע פון זיי האָבן צומאָל אַרויסגעוויזן אַביסל פיינטשאַפט צו יידן. די לעצטע פלעגן זיך אויסקויפן מיט געלט, וויסנדיק נאַטירלעך, אַז דאָס איז די כוונה פון די פּויפּסטן, ווייל זייערע קאַסעס האָבן זיך געהאַלטן ביים אויסליידיקן. אָבער בכלל, ווי שוין פריער דערמאָנט, האָט זיך די יידן אין די צווייי

הונדערט יאָר געלעבט גאָר נישט שלעכט צווישן דער אַלגעמיינער באַפעל־קערונג. דערצו נאָך האָבן זיי אָפּט דערגרייכט צו הויכע פּאָסטנס ביי דער רעגירונג פון די פּויפּסטן. דאַקעגן האָט אין דערזעלבער צייט געהאָנגען די שוואַרצע כמאַרע פון מסעי־הצלב אויף יידישע קהילות אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך, וואָס האָט געפירט, ווי באַוווּסט, צו גרויסע חורבנות. אפילו אין יאָר 1020, ווען רוים איז געטראָפן געוואָרן פון דער גרויסער ערד־ציטערניש, האָבן יידן פון אָנהייב עטוואָס געליטן פון אַ בילבול, וואָס דער נאַרישער המון האָט געוואָלט אויף זיי אַרויפוואַרפן, אָבער דאָס איז גיך אַריבער.

קאַפּיטל ניין

די יידן און די פּויפּסטן

די באַציונגען צווישן די יידן און די פּויפּסטן אין דעמדאָזיקן פּעריאָד זענען אַ קאַפּיטל פאַר זיך. אָט איז אַן אינטערעסאַנט בילד, לויט דער באַשרייבונג פונעם באַוווּסטן קריסטלעכן היסטאָריקער פ. גרעגאָ ראָווינס:

„די קליינע יידישע קהילה אין רוים קען באַטראַכט ווערן אַלס דער סימבאָל פון יידישקייט, פון וועלכער עס האָט אַרויסגע־שפּראָצט דאָס קריסטנטום. די עדה יידן דאָרטן האָט זיך נישט אַסימילירט, געבליבן אומבאַשעדיקט זינט צענדליקער דורות. זי האָט געזען די מפּלה פון דער אַלטער רוימישער רעפּובליק און נאָכדעם די פאַרניכטונג פון די קיסרים ביזן אויפקום פון דער פּויפּסטן־ממשלה. די גאַנצע קולטור פון אַלטן רוים איז צעשמע־טערט געוואָרן, אַוועק ווי מיטן שטויב, און די יידן זענען געבליבן ביי זייער אַלטן גייסט און דינען זייער גאָט ווי אין די אַמאָליקע צייטן.‟

דאָס איז אַ קורצער אויסצוג פון זיין שרייבן.

יעדעס מאָל, ווען מען האָט געקליבן אַ נייעם פּויפּסט, איז עס געווען אַ וויכטיקע געשעעניש אינעם לעבן פון דער קהילה. יידן האָבן אָנטיילגע־נומען אין די צערעמאָניעס, מאַרשירט גלייך מיט דער באַפעלקערונג מקבל פּנים צו זיין דעם פירער פון דער קירך. אמת, אַזאַ אַקט איז געווען אַ געמיש פון שטאָלץ און גלויבן אין אמונת־ישראל מיט אַ געפיל פון פּחד פאַר דער צוקונפט, ווייל געוויסע פּויפּסטן האָבן געפונען פאַר נייטיק אין מאָמענט פון די צערעמאָניעס צו זאָגן מוסר די יידן פאַר זייער גרויסער עקשנות קעגן יעזוסן. אָבער זייער האָפענונג איז פאָרט געווען, אַז דער סוף וועט נישט זיין אַזוי שלעכט, ווייסנדיק אַז די פירערשאַפט פון דאָזיקן פּויפּסט וועט לאַנג נישט אָנהאַלטן. דערצו נאָך האָבן די יידן געוווּסט, אַז

דער רוימישער המון האָט קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן צופיל טריישאַפט צו זיינע פויפסטן. דעריבער איז זייער הערשאַפט אין דער דאָזיקער תקופה געווען קורץ, און זיי האָבן נישט געהאַט צופיל צייט זיך מתעסק צו זיין מיט יידן. אַזוי אַרום זענען די לעצטע געווען מער רויק וועגן זייער עקזיס־טענץ. אויך די אַלגעמיינע באַפעלקערונג האָט געזוכט שלום און די יידן האָבן געוווסט ווי אָנצוהאַלטן די פריינדשאַפט און לעבן צוזאמען ווי גוטע שכנים. דער דאָזיקער צושטאַנד פון גוטע באַציונגען מיט יידן, וואָס האָט עקזיסטירט אין רוים, האָט זיך גוט אָפגערופן אין גאַנצן לאַנד — לויט די אָבסערווי־רונגען פון ר׳ בנימין דער רייזנדער.

עס איז כדאי צו דערמאָנען אַ פאַקט, וואָס איז פאַרצייכנט אין דער געשיכטע פון דער קאַטוילישער קירך און וועלכער ווייזט די דעמאָלטיקע גוטע באַציונגען צווישן קריסטן און יידן: אין מיטן פון 12־טן יאָרהונדערט האָט מען אויסגעקליבן דעם פויפסט אַנאַלעקטוס דעם צווייטן, וועלכער האָט געשטאַמט פון יידן. עטלעכע קעגנערישע קאַרדינאַלן האָבן אויסגע־קליבן אַ צווייטן פויפסט מיטן נאָמען אינאָקינטיוס דער צווייטער. דער לעצטער איז געווען אָנערקענט נאָר פון די צפונדיקע לענדער, ווי די דייטשע פראָווינצן און פראַנקרייך, ווו שנאה צו יידן איז געווען צוממערסטן אָנגעזען. די דאָזיקע קאַרדינאַלן האָבן נישט געוואָלט אָנערקענען דעם פויפסט, וועלכן די גרויסע מערהייט האָט אויסגעקליבן, צוליב דעם איינ־ציקן חטא, וואָס זיין זיידע איז געווען אַ ייד. און גראָד אין רוים, דאָס וויגעלע פון קאַטאָליציזם, ווי אויך איבערן גאַנצן לאַנד, זענען די דערהוי־בענע אַריסטאָקראַטישע משפחות געווען זיינע בעסטע פריינד בעת ער איז אַרויף אויפן טראָן אין וואַטיקאַן. אַכט יאָר (1138—1130) איז ער געזעסן אויף זיין שטול. די משפחה זיינע (יידן) האָבן געלעבט בכבוד־גדול אין רוים און אַפילו נאָך זיין טויט, ווען אינאָקינטיוס דער צווייטער האָט פאַרנומען זיין אָרט, האָבן זיי נאָך אַלץ געגאָסן מכל־טוב אָן שטערונגען. די געשיכטע מיטן יידישן פויפסט האָט נישט קיין גרויסן שייכות מיט דער געשיכטע פון יידן אין איטאַליע, אָבער דער דאָזיקער פאַקט ווערט אָפט דערמאָנט ביי שרייבער פון אונדזער היסטאָריע. עס גייען אויך אַרום פיל לעגענדעס, אַז אפילו אין דער צייט וואָס אַנאַלעקטוס איז געווען פויפסט, איז ער אין אַ געוויסן זין אויך געבליבן טריי צו יידישקייט.

די אויבנדערמאָנטע מעשה ברענגט אונדז צו אַ צווייטער, נאָך מער

פֿאַנטאַסטישער, דערציילונג, וואָס האָט אַ שייכות צו אַ באַוווסטן פּיוט אין ראש־השנה־מחזור: עס איז דאָ אַ לעגענדע, אַז דער פּאָטער פֿון פּויפּסט אַנאַלעקטוס דער צווייטער, איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי ר׳ שמעון הגדול פֿון מאָגענצע, וועלכער האָט געהאַט אַ זון מיטן נאָמען אלחנן. אַ קריסטלעכע דינסט האָט אים אַרויסגעגנבעט און איבערגעגעבן צו קאַטוילישע גלחים. די לעצטע האָבן אים דערצויגן אין קריסטלעכן גלויבן ביז ער האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה אין קירך. ער איז אַוועק קיין רוים שטודירן ביז וואַנען ער איז געוואָרן ראוי געקרוינט צו ווערן אַלס פּויפּסט אַנאַלעקטוס דער צווייטער. אין האַרצן אָבער, דערציילט ווייטער די לעגענדע, איז ער געבליבן אַ פֿרומער ייד און אָפּגעהיט דעם יידישן דת שטילערהייט. ער האָט זייער געשטרעבט זיך צו טרעפֿן מיט זיין פּאָטער און געזוכט וועגן ווי דאָס צו פֿאַרווירקלעכן. מיט פֿאַרשידענע מיטלען איז אים געלונגען אַראָפּצובריינגען זיין פּאָטער קיין רוים. ער האָט אים איינגעלאַדן צו זיך אין וואַטיקאַן צו שפּילן שאַך און דאָרטן האָבן זיי זיך דערקענט. נאָכן געשפּרעך האָט פּויפּסט אלחנן באַשלאָסן צו אַנטלויפֿן פֿון רוים צו זיינע ברידער יידן. אַ צווייטע ווערסיע דערציילט, אַז ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿונעם שפּיץ טורעם פֿון סט.־פּעטער־קירך און גלייך צעשמעטערט געוואָרן. זיין פֿאָטער, ר׳ שמעון, וועלכער איז געווען פֿון די באַוווסטע פּייטנים, האָט פֿאַרפֿאַסט אַ פּיוט לכבוד זיין זון, וואָס הייסט „שומרי מצוות עדיך״ און ווערט געזונגען דעם צווייטן טאָג ראש־השנה.

מעגלעך, אַז ביידע מעשיות, וואָס באַציען זיך צו דעם זעלביקן פּויפּסט אַנאַלעקטוס דעם צווייטן, האָבן נישט קיין היסטאָרישע באַגרינדונג, אָבער דער עיקר איז, אַז דער פּויפּסט איז געווען אַן אוהב ישראל, און יידן אין איטאַליע האָבן אין זיין צייט געלעבט נישט שלעכט.

קאַפּיטל צען

דער פאַרגרעסערטער יידישער ישוב אין איטאַליע

אין די מערסטע וויכטיקע פּונקטן צו צפון־זייט פון לאַנד, זענען שוין אין דער דאָזיקער תקופה געווען צו באַמערקן נייע יידישע קהילות, איבער־הויפּט אַרום רוים און נעאַפּאָל. אין אַנקאָנאַ, די פּאָרט־שטאָט פון אַדריאַטישן ים, האָבן יידן אָנגעהויבן זיך באַזעצן נאָך אין צענטן יאָרהונדערט. אַרום יאָר 1279 ווערט שוין דאָרט דערמאָנט אין אַרכיוון, לויט סעסיל ראָט, אַ באַדייטנדיקע קהלה מיט אַ סינאַגאָגע, שפּעטער, אין אָנהייב פון 14־טן יאָר־הונדערט, האָט דער ישוב זיך צעוואַקסן דורך דעם צופלוס פון אַנטלאָפענע פון די דייטשע פּראָווינצן, אין רעזולטאַט פון דער „שוואַרצער מגפה״, וואָס האָט דאָרט כמעט חרוב געמאַכט דעם יידישן ישוב. די אַנקאָנער קהילה איז אַזוי אַרום געוואָרן דער צווייטער צענטער נאָך רוים.

אויך אין דער פּאָרט־שטאָט פּאַנאָ, ווו יידן זענען אָנגעקומען נאָך אין יאָר 1214, איז דער ישוב שנעל געוואַקסן. אַרום 1332 האָבן זיך שוין דאָרטן געפונען פיל יידישע באַנקירן, וועלכע האָבן פינאַנסירט מלוכה־אינסטיטוציעס. די קהילה אורבינאָ, אין די בערג אַרום ים, האָט דעמאָלט געהאַט צוויי גרויסע יידישע געלערנטע מאַסטער דניאל און שלמה די־אורבינאָ. זיי זענען געווען טעטיק אין פאַרשפּרייטן קולטור און אויך אין אַנטוויקלען אַ פאַרצווייגטן מסחר דורך הלוואות. מען קאָן אויסרעכענען לערך נאָך דרייסיק ישובים, קלענערע און גרעסערע, ווייטער צו דרום פון דער שטאָט אַנקאָנאַ, ווו יידן האָבן געשאַפן און פּראָדוצירט. עס דאַרף באַ־מערקט ווערן, אַז אין געוויסע שטעט פלעגן יידן נישט שטענדיק זיין זיכער מיט זייער עקזיסטענץ, און אָפט האָט מען זיי געצוווּנגען צו באַצאָלן גוט געלט פאַר זייער רעכט, אָבער אין רוב פאַלן האָבן זיי צוליב זייערע באַנק־אָפּעראַציעס געקאָנט אָנהאַלטן זייער בירגערשאַפט. אין דער שטאָט אַרי־וויעטאָ, למשל, באַוווּסט מיט איר וויין־אינדוסטריע, איז שוין אָנהייב 14־טן

יאָרהונדערט דערמוטיקט געוואָרן אַ גרעסערע אימיגראַציע פון יידן אַדאַנק דער פינאַנסיעלער שטיצע, וואָס עטלעכע יידן האָבן דאָרט געגעבן דער רעגירונג. דערצו האָבן פיל פון זיי אָנגעהאַלטן רעגירונגס־שטעלעס און עס פלעגט טרעפן, אַז אין געוויסע צייטן זענען זיי באַפרייט געוואָרן פונעם געוויינלעכן שטאָט־אָפצאָל.

צו צפון־זייט פון אַנקאָנאָ, אין דעם גאַנצן שטח, באַוווסט מיטן נאָמען ראָמאַנגאָ, זענען פיל יידישע ישובים אויסגעוואַקסן אין אַ ריי שטעט ווי: רימיני, פּארלי, ראַווענא, סאַן מאַרינאָ א.א.וו. מיט מער אָדער ווייניקער באַפעלקערונג. אין דער דאָ דערמאָנטער תקופה זענען די קהילות שוין געווען גוט באַפעסטיקט און זייער איינפלוס אויף דעם סאָציאַלן און עקאָ־נאָמישן לעבן פון דער שטאָט איז געווען גרויס. אין געוויסע שטעט האָבן זיי קאָנטראָלירט די אינדוסטריע, פינאַנסן און אפילו קולטורעלע אינסטי־טוציעס.

ווענעציע, די באַדייטנדיקסטע פּאָרט־שטאָט פון אַדריאַטישן ים, וואָס איז געווען דער הויפּט־צענטער פון וועלט־מסחר, האָט אין די ערשטע צייטן נישט געוואָלט אָנערקענען קיין יידן אַלס בירגער. זי האָט געזען אין זיי אַ געפערלעכן קאָנקורענט אין האַנדל און נישט דערלאָזט, אַז יידן זאָלן זיך באַנוצן מיט אירע שיפן. אָבער די לאַגע פלעגט זיך אָפט בייטן לויט די ענדערונגען אינעם עקאָנאָמישן מצב פון דעם שטאָטישן מסחר. ווען די קריסטלעכע סוחרים האָבן דערפילט דעם דרוק פון די הויכע צינזן, וואָס זייערע אייגענע לייט פלעגן ביי זיי נעמען, איז דעמאָלט דער צושטאַנד פון יידן פיל בעסער געוואָרן. יידישע פינאַנס־לייט האָבן גערעכנט אַ קלענערן פּראָצענט, און דאָס האָט געווירקט, אַז די שטאָט־פירער האָבן סוף כל סוף געמוזט שלום מאַכן מיט די יידן. די לעצטע האָבן פינאַנסירט זייער האַנדל אויף לייכטע באַדינגונגען. און צוליב דעם זענען די טויערן פון ווענעציע געוואָרן פריי און אָפן פאַר אַלע יידן אַלס גלייכע בירגער. אמת, דער היס־טאָריקער סעסיל ראָט פירט אויס, אַז אין פאַרלויף פון אַ פאָר יאָרהונדערטער פלעגט זיך דער מצב פון די יידן אָפט בייטן, לויט די עגאָיסטישע קאַפּריזן פון די שטאָט־הערשער, אָבער שוין אין אָנהייב פון 16־טן יאָרהונדערט זענען יידן געוואָרן פולבאַרעכטיקטע בירגער פון ווענעציע ביזן היינטיקן טאָג.

אין צוואָרפענע שטאָט־אַרכיוון פון טריעסט געפינען זיך סימנים,

אַז נאָך אין יאָר 949 האָבן זיך דאָרטן געפונען איינצעלנע יידן. אָבער אַרום די יאָרן 1350—1375 ווייזן שוין געוויסע דאָקומענטן וועגן אַן אָנגעזעענער יידישער קהילה, מיט פולער ציווילער רעכט. יידן האָבן דעמאָלט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אינעם סאָציאַלן און עקאָנאָמישן לעבן פון טריעסט, צוגלייך מיט דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. אין דער זעלביקער צייט ווערן אויך דערמאָנט נאָך גרויסע ישובים אַרום טריעסט ווי: גאָריזיא, סיווילדייל, טרעוויסאָ א.א.וו., מיט פיל פאַרצווייגטע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

צו צפון, אין פּאַדואַ, אין די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך, האָט זיך די געשיכטע פון יידן אָנגעהויבן אין סוף 13־טן יאָרהונדערט. און אין 14־טן יאָרהונדערט זענען שוין אין דאָזיקן ראַיאָן געווען קהילות מיט אַ באַדייטנדיקן איינפלוס אויפן עקאָנאָמישן לעבן. איבערהויפּט איז עס געווען צו מערקן אין פּאַדואַ, וווּ ס'האָט זיך געפונען דער באַוווּסטער אוניווערזי־טעט. די יידישע פינאַנסיסטן האָבן געהאָלפן אַנטוויקלען די שטאָטישע אינ־סטיטוציעס מיטן אוניווערזיטעט דורך זייערע אָפטע געלט־שטיצעס.

אין יאָר 1171 זענען די יידן אַרויסגעטריבן געוואָרן פון דער שטאָט באָלאָנאַ און במשך פון דורות זענען נישט צו געפינען קיין היסטאָרישע פאַרצייכענונגען וועגן זיי האָבן זיך צוריק אומגעקערט, אָבער אין יאָר 1308 זענען שוין דאָ סימנים פון אַ יידישן ישוב דאָרט. לויט דער דערציילונג פון אַ היסטאָריקער, האָט אַ געלערנטער מאָנאַך דערהאַלטן פון די דאָרטיקע יידישע חכמים, אַלס מתנה, עטלעכע העברעישע מאַנוסקריפּטן און אַן אַלטן ספר בראשית נאָך פון עזרא'ס צייטן. אין פאַרלויף פונעם דאָזיקן יאָרהונ־דערט האָט זיך די קהילה און איר טעטיקייט באַדייטנדיק פאַרגרעסערט. די הויפּט־ראָל האָבן געשפּילט צוויי ברידער פון דער באַרימטער פאַמיליע דע־פּאַנשולע פון רוים, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אלס באַנקירן און באַריי־כערט דעם עקאָנאָמישן מצב פון דער שטאָט. זיי האָבן באַקומען פרייע הענט צו בויען זייערע אינסטיטוציעס, — פון אַ סינאַגאָגע ביז אַ בית־עלמין, מיט פולע בירגער־רעכט פאַר דער קהילה. די יידן האָבן אויך גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די אַלגעמיינע, ציווילע אונטערנעמונגען סיי אין שטאָט און סיי אין דער אומגעגנט, און פלעגן אפילו העלפן בויען און פאַרשטאַרקן די אַרומיקע פעסטונג קעגן אַ שונא.

דעם זעלביקן צושטאַנד קאָן מען באַמערקן אין נאָך פיל שטעט אין צפון־טייל פון איטאַליע, ווי לאָמבאַרדיע מיטן גאַנצן קרייז, פעראַראַ, ראָווי־

גאָ און אנד., ווו יידישע קהילות האָבן זיך צוממערסטן באַפּעסטיקט אין 14־טן יאָרהונדערט. אָפּט פלעגן זיי, אויף אַ קורצער צייט, באַגעגענען אַ ווידערשטאַנד דורך אַ נייעם געזעץ, וואָס איז לייכט פאַרשוווּנדן געוואָרן. יידישע באַנקירן זענען שטענדיק געווען די בעסטע רפואה קעגן אַלע צרות. רעגירונגס־פאַרשטייער אָדער פּויפּסטן פלעגן זיי אויפזוכן און איינלאַדענען צו זיך. דעמאָלט איז די פראַגע פון רעליגיע פאַררוקט געוואָרן אין אַ זייט.

די אויבנדערמאָנטע באַשרייבונג איז אַן אַלגעמיין בילד פון דעם, ווי יידן האָבן זיך באַזעצט אין פאַרשידענע צפון־ און דרום־געגנטן פון איטאַליע.

קאַפּיטל עלף

די תקופה פון אידעישע קאָנפליקטן אין לאַנד

כדי בעסער צו פאַרשטיין דעם דאָזיקן פעריאָד בכלל און אויך די יידישע לאַגע דעמאָלט אין לאַנד, מוז מען פריער געבן אַן איבערבליק פונעם דאָרטיקן אַלגעמיינעם צושטאַנד מיטן אָנהייב פון 13־טן יאָרהונדערט. דאָס איז געווען די צייט ווען ליטעראַטור און וויסנשאַפט אין איטאַליע זענען געשטאַנען אויף דער העכסטער מדרגה פון אַנטוויקלונג ביי קריסטן און יידן צוגלייך. אָבער פון דער אַנדערער זייט איז די דאָזיקע צייט היסטאָריש באַוווסט מיט אירע ווידערשפּרוכן און קאָנפליקטן, בעסער געזאָגט, מיטן מישמאַש פון הויכער קולטור און נידעריקן פאַנאַטיזם; פּאָעזיע פון איין זייט און אינקוויזיציע פאַר אַפּיקורסים פון דער צווייטער זייט; קונסט און וויסנ־שאַפט געפּאָרט מיט רעליגיעזן אַבערגלויבן. עס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן די עפּאָכע פון צווייפל און פאָרשונג בנוגע רעליגיעזע אָנגעלעגנהייטן, וואָס האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער באַוועגונג פון רעפאָרמאַציע, וועלכע האָט זיך פאַרשפּרייט מיט איר פולער קראַפט אין די שפּעטערדיקע יאָרן. אין די מערסטע לענדער האָבן די רעפאָרם־אידעען אַריסגערופן אַ שטאַרקן אומרו צווישן דער באַפעלקערונג, דער עיקר אין איטאַליע, ווו אויך די יידן זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אינעם דאָזיקן ווירבל.

דער פּויפּסט אינאָקינטיוס דער דריטער איז אַרויף אויף דער הייליקער שטול אין רוים אינעם יאָר 1198 און געהערשט ביז 1216. אַלס אַן אָרגאַניזאַ־טאָר און מענטש מיט הויכער בילדונג, איז ער געווען פון די פעיקסטע אין דער קאַטוילישער קירך. אָבער ער האָט געוועלטיקט מיט אַן אייזערנער האַנט. זיין קראַפט האָט ער אַרויסגעוויזן נישט בלויז אין אייגענעם לאַנד — אי־טאַליע, נאָר ער האָט אויך דערגרייכט, מיטן כוח פון דער קירך, צו אַנדערע לענדער, ווי די דייטשע פּראָווינצן, פראַנקרייך, שפּאַניע און אַנדערע לענ־דער, וועלכע זענען געווען אונטערן איינפלוס פון קאַטאָליציזם. ער האָט

אַנגעוואָרפן אַ פּחד אפילו אויף מלכים און הערשער, וועלכע האָבן זיך געבויגן צו זיין ווילן.

די הויפּט־סיבה פון זיין שטרענגקייט איז געלעגן אין דעם, וואָס ער האָט דערשפּירט אינעם אויטאָריטעט פון וואַטיקאַן סימנים פון פאַרפוילטקייט, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן נאָך מיט אַ צייט פריער. אַפּיקורסות און אומטריישאַפט צום קריסטנטום האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן די מאַסן און דערגרייכט צום העכערן קלאַס פון רייכע און אָנגעשטעלטע ביי דער רעגי־רונג. פאַרשידענע סעקטעס האָבן זיך אָרגאַניזירט צו קעמפן קעגן דער קירך און רעליגיע. דעריבער האָט דער פּויפּסט אינאָקינטיוס דער דריטער באַשלאָסן אונטערצודריקן די אומגלויביקע מיט די שטאַרקסטע מיטלען. ער האָט באַנייט דעם „מסע הצלב" — די הייליקע מלחמה מיט שטראָפן קעגן זינדיקע. מען האָט גלאַט געהרגעט מענטשן אָן רחמנות אין די צענד־ליקער טויזנטער. לויט דעם קריסטלעכן היסטאָריקער, הורטער, האָט די צאָל קרבנות אין דער שטאָט באַדארשי דערגרייכט ביז איבער צוואנציק טויזנט נפשות.

די יידן, וועלכע זענען שטענדיק דער שעיר לעזאזל אין צייטן פון אומרו און וועלכע האָבן גראָד אין דעם פאַל קיין שייכות נישט געהאַט מיטן רעוואָלט קעגן דער קירך, זענען געווען די ערשטע צו ליידן פון דער שטראָף־עקספּעדיציע. פון איין זייט האָט דער פּויפּסט אַרויסגעגעבן אַ באַ־פעל, אַז יידן דאַרפן ווערן אָפּגעזונדערט, כדי קיינער זאָל זיי נישט באַלעס־טיקן, אָבער פון דער צווייטער זייט — דורך פאַרשטעלטע וועגן — האָט ער דערלויבט זיינע מחבלים צו טאָן מיט יידן לויט זייער איינזען, כדי מיט דעם פאַרשטאַרקן די מורא אויף די אומגליקלעכע קריסטן וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַ ווידערשטאַנד.

זיין רעליגיעזער פאַנאַטיזם האָט זיך געלאָזט פילן אויך אין אַנדערע לענדער, צוממערסטן אין פראַנקרייך, ווו ער האָט געווירקט אויפן קייזער, אַז מען זאָל אָנהייבן רדיפות אויף יידן, אויב נישט דורך הריגה, איז וויניק־סטנס באַרויבן זיי פון געוויסע פרנסה־קוואַלן. ער איז אויך אָנגעגאַנגען מיט שאַפן נייע גזירות, ווו ער האָט נאָר געקאָנט דערגרייכן.

אָבער אַ פאַקט בלייבט, אַז אינאָקינטיוס האָט נישט צופיל מצליח געווען מיט זיינע וועגן קעגן די יידן אין באַצוג צו דער אַלגעמיינער באַפעל־קערונג. דאָס איטאַליענישע פאָלק אין זיין גרויסער מערהייט האָט נישט

נאָכגעפּאָלגט זיינע גזירות און אָנגעהאַלטן זיין פריינדשאַפט מיט די יידן. אפילו די פּויפּסטן נאָך אים האָבן אין מערסטע פּאַלן נישט דורכגעפירט די רעגולאַציעס, וועלכע ער האָט געוואָלט איינפירן פאַר די ווייטערדיקע דורות.

מען מוז אָבער צוגעבן, אַז אינאָקינטיוס דער דריטער איז גראָד געווען אַ פּשוטער מענטש, נישט געזוכט קיין פּערזענלעכע פאַרגעניגנס און גע־שטיצט אָרעמעלייט מיט אַ ברייטער האַנט. אָבער עס זענען דעמאָלט אויפ־געשטאַנען נייע סעקטעס, וועלכע האָבן אויסגעדריקט אַפּיקורסישע אידעען קעגן דער קירך, און אַ צאָל פון זיי האָט אַפילו אַרויסגעוויזן נייגונגען צום יהדות און געהיט געוויסע יידישע מינהגים אין זייער פּריוואַט לעבן. אַנ־דערע זענען אַוועק נאָך ווייטער אין ענדערן זייער פירונג, ביזן אָפּהיטן שבת און מילה. אַזעלכע פאַקטן האָבן געוואָרפן אַ שרעק אויפן פּויפּסט אינאָ־קינטיוס דעם דריטן, און דאָס האָט אים געפירט צום חשד אויף יידן, אַז זיי זענען אין דעם פאַרמישט. אָנשטאָט זוכן די סיבה אין דער גייסטיקער שוואַכקייט פון זיין קירך, וועלכע האָט שוין מיט אַ לאַנגער צייט צוריק געהאַט פאַרלוירן איר איינפלוס אויף די ברייטע מאַסן, איז אים באַקוועמער און גרינגער געווען צו באַשולדיקן דעם ייד.

צו די מעשים פון אינאָקינטיוס דעם דריטן קאָן מען צוגעבן נאָך אַ דערשיינונג, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דעם זעלביקן פּעריאָד. איבערן גרעסטן טייל פון אייראָפּע האָבן זיך אַנטוויקלט צוויי באַזונדערע אָרגאַניזאַ־ציעס אַרום דער קאַטוילישער קירך, די פראַנציסקאַנער און דאָמיניקאַנער אָרדנס. מיט זייער רעליגיעזן פאַנאַטיזם האָבן זיי אויך פאַרשאַפט פיל צרות די יידן, און זייערע שענדלעכע טאַטן זענען פאַרצייכנט מיט בלוט אין אונ־דזער לאַנגער געשיכטע.

דאַקעגן איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן אַז ווען די מאָנאַכן פון די אויבנדערמאָנטע אָרדנס זענען געווען פאַרנומען מיט זייערע דרשות צום פאָלק וועגן רעליגיע אַלס די איינציקע רעטונג פונעם מענטשנס נשמה, האָט די קולטור אין לאַנד פּראָגרעסירט און אַלץ שטאַרקער זיך פאַרשפּרייט צווישן דער באַפעלקערונג. עס איז פאָרגעקומען אַ גאַנצע צעמישונג פון געדאַנקען און אידעען. אין דער זעלביקער צייט ווען מען האָט אויפגעשטעלט אויטאָ־דאַ־פעס צו ברענען אומגלויביקע, זענען געגרינדעט געוואָרן אוני־ווערזיטעטן און אַקאַדעמיעס פאַר בילדונג און וויסנשאַפט. אין דער שטאָט

באָלאָניאַ האָבן זיך געפֿונען אַרום צען טויזנט סטודענטן אויפֿן יורידישן פֿאַקולטעט, צווישן זיי פֿיל בישאָפֿן, גלחים און הויכע באַאַמטע. טויזנטער סטודענטן האָבן באַזוכט דעם באַרימטן מעדיצינישן פֿאַקולטעט אין סאַלערנאָ, אַזוי איז געווען אויך מיט אַנדערע צווייגן פֿון לערנען, איבערהויפּט פֿילאָזאָפֿיע. פֿיל באַוווּסטע פֿאָרשטייער פֿון דער קירך האָבן דורך די לערן־אינסטיטוציעס געזוכט אַ וועג ווי אַזוי שלום צו מאַכן צווישן רעליגיע און וויסנשאַפֿט. אַזאַ דערשיינונג האָט זיך דעמאָלט באַוויזן אין לאַנד — אַ געמיש פֿון פֿינצטערער נאַכט מיטן זוניקן טאָג.

קאַפּיטל צוועלף

יידן אין דער דערמאָנטער עפּאָכע

די יידן פון זייער זייט זענען שוין גאָרנישט אָפּגעשטאַנען פון זייערע שכנים אין פאָרשונג און בילדונג. די צרות און גזירות, וואָס אינאָקינטיוס דער דריטער האָט קעגן זיי אַרויסגעגעבן, האָבן נישט געקאָנט אָפּשוואַכן זייער גייסט און חשק צום לערנען און שאַפערישקייט אויפן געביט פון קולטור. נאָכמער, זיי זענען איבערגעשטיגן די איטאַליענער מיט זייער וויסנשאַפט אויף אַ סך געביטן, און מיט דער צייט אפילו געוואָרן זייערע לערער און וועגווייזער אין פאָרשונג און וויסן.

אין יענער צייט האָבן כמעט אַלע אינטעלעקטואַלן געזוכט צו שטיצן זייער לערע אויף די פּרינציפּן פון רעליגיע. אין דעם פּרט איז דעמאָלט קיין גרויסער אונטערשיד נישט געווען צווישן קריסטן און יידן אין זייער צוגאַנג פון שטודירן פּראָבלעמען. דער איטאַליענישער געלערנטער און מחבר פון פיל ביכער, טאָמאַס די־אַקווינאַס, האָט באַהאַנדלט זיינע טעאָלאָגישע פראַגן אויף דעם זעלביקן אופן ווי מען געפינט זיי אין תלמוד, ד. ה. דורך פּלפּול און שאַרפקייט אין אויסדריקן געדאַנקען בנוגע דינים און משפטים. אַן ענלעכע קרובהשאַפט פון געדאַנקען געפינט מען אין יידישע און קריסטלעכע ספרים בנוגע קבלה און מיסטיציזם. אויך אינעם צוגאַנג צו אַסטראָלאָגיע, וואָס איז דעמאָלט געווען, מער־ווייניקער, געבויט אויף פאַנטאַזיע און אַבערגלויבן, האָבן זיךביידע צדדים געקאָנט אויסגלייכן. אין פילאָזאָפיע האָבן יידן געהאַט אַ בעסערע געלעגנהייט בייצוטראָגן זייער שאַפונג ווי די קריסטלעכע געלערנטע, צוליב זייער קענטשאַפט פון דער אַראַבישער ליטעראַטור אין אָריגינאַל. דעריבער קאָן מען אָפט געפינען, אַז די קריסטלעכע געלערנטע אַלבערט דער גרויסער און טאָמאַס די־אַקווי־נאַס ציטירן אין זייערע ביכער גאַנצע זאַצן פון אונדזערע גדולים אין שפּאַ־ניע ווי: ר׳ יצחק הישראלי, אבן גבירול, אבן דאוד א. אַנד. דעם מורה

נבוכים פון רמב״ם האָט אַ קריסטלעכער געלערנטער געפונען פאַר נייטיק איבערצוזעצן אויף איטאַליעניש. פון דער צווייטער זייט, קאָן מען געפינען, אַז יידישע געלערנטע האָבן איבערגענומען דעם נוסח פון קריסטלעכע דיכטער און עס באַנוצט אין זייער העברעישער דיכטונג. מיט איין וואָרט, יידישע און קריסטלעכע שאַפונגען אויפן געביט פון קולטור און גייסט האָבן אין פאַרלויף פונעם 13־טן יאָרהונדערט געהאַט צווישן זיך אַ סך געמיינזאַמס.

צו דער דאָזיקער עפּאָכע פון אידעישע קאָנפליקטן און סתירות, באַקומט זיך אַ פאַרדריסלעך בילד בנוגע דער יידישער לאַגע. פון איין זייט זעען מיר יידישע און קריסטלעכע געלערנטע דערנענטערט אין זייער גייסטיקער שאַפונג, בעת איינער לערנט פון צווייטן, און די קריסטן שאַפן אַ סך פון יידישע קוואַלן, און פון דער צווייטער זייט, זעען מיר אָנשטאָט דאַנקבאַרקייט און פריינדשאַפט פונקט דעם היפך. עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז די צוויי געלערנטע, אַלבערט דער גרויסער און זיין תלמיד טאָמאַס דיאקווינאַס, וועלכע האָבן מיט אַזוי פיל חשק און ענערגיע שטודירט יידישע פילאָזאָפיע, זאָלן גאָר ווערן שונאי־ישראל, וואַרפן שמוץ אויפן יהדות אין זייערע שריפטן און דרשות, זיך אַראָפּלאָזן גייסטיק נידעריקער ווי דער המון אין גאַס, וואָס איז אָפט לייכט פאַרפירט צו ווערן און טאָן שאָדן. צום שבח אָבער פון די איטאַליענישע מאַסן, האָבן זיי גראָד אין דער תקופה פון 13־טן יאָרהונדערט געלעבט בשלום מיט זייערע יידישע שכנים. יידן האָבן זיך דערהויבן צו גרויסע פּאָזיציעס און פאַרנומען הויכע שטעלעס ביי דער רעגירונג. אָבער ווען עס איז געקומען צו די געלערנטע קרייזן, האָט די שנאה צו יידן גענומען די אויבערהאַנט. וואָס מער די קריסטלעכע געלערנטע האָבן זיך פאַרטיפט אין יידישער גייסטיקער שאַפונג, אַלץ מער האָט קנאה און אומטאָלעראַנץ צו יידישער אמונה פאַרנומען זייער געדאַנקען־גאַנג. זייער הויכע אינטעליגענץ האָט זיי שטענדיק געבראַכט צו באַטראַכטן דאָס יהדות ווי אַ געפערלעכן קאָנקורענט צו זייערע אידעען. מיט זייער בלינדער קנאה און רעליגיעזן פאַנאַטיזם האָבן זיי געהאָלפן שאַפן רעגולאַציעס, וואָס זאָלן דערנידעריקן דעם ייד און שווערער מאַכן זיין לעבן. איטאַליע האָט זיך געפונען אין מצב פון גייסטיקן ווידערשפּרוך. די יידן זענען געשטיגן העכער אין זייער שאַפונג און די קריסטלעכע געלערנטע פון אַ געוויסן מין זענען געזונקען טיפער אין ים פון קנאה און פאַנאַטיזם.

ביים אַקצענטירן דעם דרייצנטן יאָרהונדערט אַלס תקופה פון אידעישע

קאָנפליקטן דאַרף דערמאָנט ווערן נאָך אַ דערשיינונג אין דער דאָזיקער צייט, וועלכע האָט געהאַט אַ גרויסע שייכות צום גאַנג פון אונדזער געשיכטע:

אין דרום־איטאַליע, אויפן אינדזל סיציליע, האָט דעמאָלט געהערשט דער קיסר פרידריך דער צווייטער. ער איז געווען האַלב־איטאַליענער, און האַלב־דייטש. מיט הויכער בילדונג און פול מיט סתירות — דיקע כאַראַקטער־שטריכן: אַ גלויביקער קאַטאָליק און אַ פרייער אין גייסט און געדאַנק; אַ ליבהאָבער פון קולטור און אַ רודפער פון אומגלויביקע. דאָ זעט מען אים מאַרשירנדיק פאָרויס פון די „נוסעי הצלב" (קרייצצוגן), און אין דער זעלביקער צייט ווייזט ער אַרויס גרויס פריינדשאַפט צו די מאַכמעדאַנער, קעגן וועלכע די „נוסעי הצלב" זענען לכתחילה אָרגאַניזירט געוואָרן. פאַר געוויסע היסטאָריקער איז זיין פערזענלעכקייט געווען אַ רעטעניש, אָבער עס וועט נישט זיין קיין טעות צו זאָגן, אַז אויך ער איז געווען אַ פּראָדוקט פון דרייצנטן יאָרהונדערט, מיט אַלע מעלות און חסרונות. ד"ר גרעץ, אין זיינע היסטאָרישע באַשרייבונגען, האָט אים געשטעמפּלט אַלס שונא־ישראל, אָבער די מער־פּאָזיטיווע לענדער לייקענען עס אָפּ לחלוטין. זיי באַטאָנען, אַז אין דער צייט, ווען ער האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די יידן פון סיציליע און געפּאַכעט מיט דער בייטש פון אינקוויזיציע, האָט ער גלייכצייטיק צוגעצויגן צו זיך פיל יידן פון אַנדערע געגנטן און זיי אַלע געגעבן בירגער־רעכט. אַ טייל האָבן באַקומען הויכע רעגירונגס־שטעלעס; יידישע געלערנטע האָבן געהאַט די מעגלעכקייט פון פאָרשן און שטודירן; די טירן פון קולטור־אינסטיטוציעס און אקאדעמיעס זענען פאַר זיי געווען פריי און אָפן. דערצו איז פרידריך געווען אַ קענער פון יידישע לימודים, פלעגט זיך דורכשרייבן מיט די חכמים אבן תבון און ר"י אלחריזי. זיינע באַמערקונגען וועגן יהדות געפינט מען אין עטלעכע פון אונדזערע ספרים לויט דער באַשטעטיקונג פון ר' משה שטיינשניידער אין זיין ספר „המזכיר".

אַנדערע זענען אין דער מיינונג, אַז דער קריסטלעכער געלערנטער, וועלכער האָט איבערזעצט דעם „מורה נבוכים" אויף איטאַליעניש, ווי פריער דערמאָנט, האָט עס געטאָן אויפן באַפעל פון פרידריך דעם צווייטן. דער דאָזיקער מושל איז געווען גוט באַקאַנט מיט די ווערק פון רמב"ם, האָט שטודירט פיל פון זיינע ספרים און פלעגט מאַכן באַמערקונגען אָדער געבן אַ בעסערן פירוש אויף געוויסע ענינים בנוגע דינים. דאָס באַשטעטיקן אונדזערע גדולים רבינו יעקב בר' אבא און ר' יהודה בן שלמה הכהן.

דער לעצטער איז פון שפּאַניע און לויטן ספר „אוצר נחמד״ ווערט דער־ציילט, אַז ווען ער האָט באַזוכט דעם קיסר אין זיין פּאַלאַץ, האָט ער דאָרטן געטראָפן אַ צאָל יידישע חכמים מיט קריסטלעכע געלערנטע זיצן אַרום איין טיש אין קעגנוואַרט פון קיסר, און אַלע צוזאַמען האָבן דיסקוטירט פראַגן פון פילאָזאָפיע און נאַטורוויסנשאַפט.

אַזוי זעט מען, אַז פרידריך דער צווייטער האָט פיל אויפגעטאָן צו אַנטוויקלען אַלגעמיינע וויסנשאַפט און פאַרשטאַרקן יידישע קולטור דורך זיין הילף, וואָס ער האָט געגעבן יידישע גדולים. דעריבער איז נישט קיין וואונדער, וואָס צו די צוויי באַרימטע גרויסע פּערזענלעכקייטן אין דער וועלט־געשיכטע, אַלכסנדר מוקדון און אַריסטאָטל, דערמאָנען אונדזערע היסטאָריקער אויך דעם קיסר פרידריך דעם צווייטן צום גוטן. די ווירקונג וואָס ער האָט געהאַט אויף דעם קולטורעלן גאַנג פון די יידן אין איטאַליע, דאַרף ווי גע־העריק אָפּגעשאַצט ווערן. פון דער דאָזיקער צייט אָן זענען יידן געשטיגן אַלץ העכער אין גייסט און וויסן צוגלייך מיט דער אַנטוויקלונג פון יידישער קולטור געבויט אויפן פרייען געדאַנק. דאָס יהדות אין איטאַליע האָט גע־מאַכט גרויסע פאָרשריט און אַ נייע תקופה פון ליכט און וויסן איז געגאַנ־גען פאָרויס.

קאַפּיטל דרייצן

יידישע דיכטער און דיכטונג

אין דרייצנטן יאָרהונדערט האָט די יידישע דיכטונג אין איטאַליע אָנגעהויבן צו בליען און זיך קאָנצענטרירט צוממערסטן אין רוים, ווו באַוווסטע משוררים האָבן געשאַפן אין העברעיש און איטאַליעניש. ווי שוין דערמאָנט, זענען יידן געווען פון די עלטסטע תושבים אין רוים. דעריבער האָבן די גזירות פון פּויפּסט אינקאָנטיניוס דער דריטער ווייניק באַרירט זייער איינגעפונדעוועט לעבן. זיי האָבן זיך געפילט זיכער און גענאָסן מכל טוב, סיי פיזיש און סיי גייסטיק. אַ סך פון זיי האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט, מסחר, אינדוסטריע אדג״ל. רוים איז דעמאָלט געווען דער צענטער פון יידישע לימודים און פיל געלערנטע פון אַנדערע לענדער האָבן זיך דאָרט באַזעצט מיט זייערע תלמידים, כדי ממשיך זיין דאָס לערנען אונטער באַקוועמע באַדינגונגען. די יידישע קהילה און די רייכע מעצענאַטן האָבן מיטגעהאָלפן און זיך געלאָזט קאָסטן גרויסע סומעס אויסצוהאַלטן די לערנער מיט די אינסטיטוציעס. די היסטאָריקער צונץ, גרעץ און דער משורר עמנואל הרומי אין זיין ספר „מחברות״, גיבן איבער זייער אינטערעסאַנטע פאַקטן וועגן דעם דאָזיקן צושטאַנד. דער חכם שמחה איז געשיקט געוואָרן קיין שפּאַניע איבערצוזעצן דעם רמבמ״ס פּירוש אויף משניות פון אַראַביש אויף העברעיש. אַ שפּאַנישער ייד, ר׳ זרחיה בן יצחק, קומענדיק קיין רוים מיט זיינע היבורים און פּירושים אויפן תנ״ך, איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס כבוד און זיין אַרבעט האָט מען איבערגעזעצט אויף אַנדערע שפּראַכן. און ווען דער דיכטער ר׳ קלונימוס פּראָוואַנס איז אָנגעקומען קיין רוים מיט זיינע חיבורים, האָט מען אויך אים געמאַכט אַ שיינעם קבלת־פּנים. אונדזערע חכמים אין איטאַליע האָבן געזוכט וועגן ווי צו פאַראייניקן יהדות מיט דער אַנטוויקלונג פון וועלטלעכער קולטור, אַז עס זאָל גאָר קיין סתירה נישט זיין צווישן זיי. מיט אַזאַ צוטריט

האָבן זיי פיל איבערגעשטיגן זייערע געלערנטע ברידער אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד, ווו קנאַי׳שע פרומקייט האָט געהאַט די אויבערהאַנט נישט צו דערלאָזן קיין וועלטלעכן גייסט.

די יידישע געלערנטע אין רוים און אויך אין די שטעט אַרום, האָבן דערהויבן די העברעישע דיכטונג צו דער העכסטער מדרגה און זי צוגע־פאַסט צום אַלגעמיינעם גייסט אין לאַנד. זיי זענען אויך שטאַרק פאַרטרעטן אויף די געביטן פון מעדיצין, פילאָזאָפיע, געזעצגעבונג און שפּראַך־פאָר־שונג גלייך מיט די קריסטלעכע געלערנטע. אָבער אין חכמת־הרפואה האָבן זיי דערגרייכט פיל מער ווי די לעצטע. זייענדיק לומדים אין תלמוד און אין דער רבנישער ליטעראַטור האָבן זיי פיל באַנוצט די פּרינציפּן פון די דאָזיקע מקורות אַלס יסוד פאַר דער אַלגעמיינער וויסנשאַפט.

איינער פון די שוין דערמאָנטע הויפּט־חכמים, דער דיכטער עמנואל, האָט געשטאַמט פון אַ יחסנישער פאַמיליע אין רוים און אויף אים איז וויכטיק זיך לענגער אָפּצושטעלן. אין אונדזער געשיכטע איז ער באַוווסט אַלס „ר׳ עמנואל הרומי״, געבוירן אין יאָר 1270 און געשטאָרבן צו זעכציק יאָר. ער איז געווען אַ באַרימטער משורר און אַ מחבר פון אַ סעריע ספרים אונטערן נאָמען „מחברות״. ווי געוויינלעך, זענען תמיד דאָ אַזעלכע, אפילו צווישן חכמים, וועלכע האָבן שטענדיק ליב צו זוכן חסרונות אויפן צווייטן. די טענה צו ר׳ עמנואלן איז וואָס ער איז געווען צו־פריי אין די געדאַנקען, וועלכע ער האָט אויסגעדריקט אין זיין דיכטונג, בעיקר אין זיינע ראָמאַנ־טישע שירים, וואָס לויט זייער מיינונג שטימט נישט אַזאַ געדאַנקענגאַנג מיטן גייסט פון אונדזער אמונה. אָבער די גרויסע מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט נישט געשענקט צופיל אויפמערקזאַמקייט צו אַזאַ קריטיק און ער איז געבליבן דער בכבודיקער חכם אין דער קהילה. ער איז געווען באַוווסט אַלס פרומער ייד און האָט שטרענג אָפּגעהיטן מצוות און דינים.

אַחוץ שירים האָט ער אויך געשריבן מאמרים וועגן וועלטלעכע און יידישע פּראָבלעמען. אַלץ וואָס מיר ווייסן וועגן זיין לעבן און וויסן איז גע־נומען פון זיינע אייגענע שריפטן. ער האָט נישט געהאַט קיין אַקאַדעמישע בילדונג, אפשר ווייל ער האָט נישט געהאַט די מעגלעכקייט דערצו, אָבער ער איז געווען אַ מתמיד און געלייענט יעדעס בוך וואָס ער האָט נאָר גע־קאָנט באַקומען. אויסער העברעיש און איטאַליעניש האָט ער געקענט נאָך אַנדערע שפּראַכן, ער האָט אויך געהאַט ידיעות אין אַריטמעטיק, מעדיצין,

פילאָזאָפיע, אַסטראָנאָמיע, קבלה אדג״ל. ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין חכמת־היהדות: תלמוד, רבנישע ליטעראַטור און איז דעריבער געווען אימ־שטאַנד בייצוקומען די קריסטלעכע געלערנטע אין דיסקוסיעס מיט זיי, ענטפערנדיק אויף אַלץ צו דער זאַך. עמנואל האָט געשאַפן פירושים כמעט אויפן גאַנצן תנ״ך, צווישן זיי זיין גוטע אַרבעט אויף „משלי״. צום באַדויערן אָבער אין דער גרעסטער טייל פון זיינע פירושים און אַנדערע שאַפונגען נאָך אַלץ, אין כתב־ידן, צעשפּרייט איבער פאַרשידענע ביבליאָטעקן, צו וועלכע דער אַלגעמיינער עולם האָט קיין צוטריט נישט. אָבער פון דעם וואָס איז שוין פאַרעפנטלעכט געוואָרן, זעט מען זיין בקיאות אויף פיל געביטן.

עס האָט אים געטראָפן אַ צופאַל אין זיינע מסחר־אונטערנעמונגען: ער האָט ערוב־געווען פאַר אַ פריינד אויף אַ געוויסע סומע געלט, אָבער יענער האָט עס קיינמאָל נישט באַצאָלט. אַזוי אַרום איז ער פאַרפלאָנטערט געוואָרן אין זיינע פינאַנסן, ביז ער איז געבליבן אַן אביון. פאַר חרפה, אָדער צוליב פאַרפאָלגונגען, האָט ער געמוזט פאַרלאָזן רוים און זיך באַזעצט אין פערמאָ ביי זיינעם אַ רייכן קרוב. דאָרט האָט ער, אויף דער עלטער, אָנגע־הויבן מסדר זיין זיינע שריפטן פון וועלכע ער האָט צוזאַמענגעשטעלט זיינע „מחברות״. אַ געוויסער טייל פון זיינע שריפטן איז אין דער פאָרם פון סתם שמועסן, אַמאָל ליצנות און אָפט ליבע־געשפרעכן. אָבער זיין גרויס־קייט און פּאָפּולאַריטעט איז כסדר געשטיגן, להכעיס די קריטיקער. אַלע האָבן אים אָנערקענט אַלס אן אָנשטענדיקן און איבערגעגעבענעם מאַן צו זיין פרוי, וועלכע ער האָט אָפט באַזונגען אין זיינע לידער. זיין שרייבן האָט האַרמאָניזירט מיטן גייסט פון דער נאָוועליסטישער שיטה, וועלכע האָט דעמאָלט געהערשט אין דער איטאַליענישער ליטעראַטור, און לויט וועל־כער די באַשרייבונגען פונעם לעבן זענען באַפּוצט געווען מיט מליצות און גוזמאות. זייענדיק אַן איטאַליענישער שרייבער, איז עמנואל נאָכגעגאַנגען אין די טריט פון אַנדערע שרייבער אין דער ליטעראַרישער סביבה פון זיין לאַנד. אָבער פונדעסטוועגן איז זיין שרייבן פאָרט געווען אַנדערש. אפילו אין דברי־חול און ליצנות האָט זיך דער גייסט פון יהדות זייער שטאַרק אָנגעזען אין פאַרגלייך מיט די קריסטלעכע ליטעראַטן. דאָך זענען מיט הונדערט יאָר שפּעטער נאָך זיין טויט, זיינע ספרים „מחברות״ געאַסרט געוואָרן צו לייענען לויטן ספר „אורחות חיים״ פון מהר״י קאַרו. דער דאָזי־

קער דור האָט נישט געקאָנט אָדער נישט געוואָלט פאַרשטיין אַז ר׳ עמנואל האָט קיינמאָל דעם דת און די רבנים נישט באַליידיקט. פאַרקערט, ער האָט געשריבן וועגן די לעצטע מיט גרויס כבוד, אויסער דאָרט, ווו ער טרעט אַרויס קעגן צבועקעס און אומערלעכע פערזאָנען.

ער איז געווען אַ גוטער פריינד פון דאַנטע, דעם גרויסן דיכטער. פון זייער שרייבן זעט מען, אַז זיי האָבן זיך אָפט באַגעגנט, אַז זייער באַקאַנטשאַפט איז געשלאָסן געוואָרן נאָך אין רוים. ר׳ עמנואל האָט אָנגעשריבן אַ פּיעסע מיטן נאָמען „התפת והעדן" („דער גיהנום און גן־עדן"), פאַרפאַסט אין גייסט און סטיל פון זיין פריינד דאַנטעס באַוווסטער פּאָעמע „קאָמעדיאַ דיווינאַ" („געטלעכע קאָמעדיע"), ווו עס ווערט געשילדערט ווי זינדיקע ווערן געפרעגלט אין גיהנום און די צדיקים פאַרברענגען אַ לעבן פון נחת אין גן עדן. לויטן סטיל פון ביידע פּאָעמעס איז לייכט צו באַמערקן דעם אונטערשיד צווישן זיי. דאַנטעס פּאָעמע, אין איטאַליעניש, איז געשריבן אין קריסטלעכן גייסט און שטימט מיט זיין גלויבן, און ר׳ עמנואלס איז דורך־און־דורך אין יידישן גייסט. אַ גענויע אָפּשאַצונג פון „התפת והעדן" איז אַן אַרבעט פאַר זיך, וואָס פּאַסט זיך נישט אַריין אינעם דאָזיקן בוך.

ר׳ עמנואל דערמאָנט אָפט אין זיינע ווערק געוויסע געלערנטע, וועלכע ער רופט אָן „משוררי הזמן" אָדער „משוררי רומי". מיר וועלן ווייטער איבערגעבן עטלעכע שטריכן פון זיי.

די משפחה יואב פון רוים האָט אַרויסגעגעבן פון זיך פיל משוררים, וועלכע האָבן געשאַפן פיוטים צו תפילות. דער עלטסטער איז געווען עמנואלס רבי, וועלכער ווערט זייער געלויבט אין תלמידס „התפת והעדן", ווו ער גיט אים אַ בכבודיקן פּלאַץ אין גן־עדן.

דער משורר סיציליאַנאַ האָט אַ סך געשריבן און זיך מפרנס געווען אַלס לערער פון דיכטונג מיט גראַמען (דעמאָלט האָט זיך עס גערעכנט אַלס קונסט). ר׳ עמנואל רעדט פון אים אַלס דער גרעסטער משורר אין זיין צייט, אָבער אַלע זיינע ווערק זענען פאַרלוירן געגאַנגען.

דער דיכטער און פילאָזאָף ר׳ קלונימוס בן קלונימוס איז געווען זייער באַרימט אין איטאַליע. נאָך אים איז געבליבן אַ ספר „אבן בוחן" פול מיט פּאָעזיע, מליצה און פאַנטאַזיע, געשריבן אין אַ שיינעם העברעיש. לויט גרעץ און צונץ האָט ער אויך פאַרפאַסט דאָס זעלביקע אין אַנדערע שפּראַכן. עטלעכע יידישע שרייבער, צווישן זיי אויך ד״ר מ. גידעמאַן, האָבן אַ טייל

פון ספר איבערגעזעצט אויף דייטש פאַר געוויסע צייטשריפטן אין סוף פון לעצטן יאָרהונדערט.

אינעם „אבן הבוחן״ פאַרנעמט זיך דער מחבר צוממערסטן מיט קריטיקירן אָדער טרייבן שפּאַס פון געוויסע טיפּן מענטשן, אין אַ שיינער, זאַפּטיקער מליצה. בעיקר באַרירט ער אַזעלכע פּערזאָנען, וועלכע זענען כלומרשט פרום און דוכט זיך, אַז זיי היטן אָפּ אַלע תרי״ג מצוות, אָבער אונטער אַ מאַסקע באַגייען זיי כלערליי עבירות קעגן גאָט און לייט. ער מאַכט אויך חוזק פון געוויסע פּראָפעסיאָנעלע מענטשן ווי דאָקטוירים, שרייבער, אַסטראָנאָמען און אפילו רבנים, וועלכע באַרימען זיך מיט זייער קענטשאַפט און לומדות, אָבער זענען בעצם ווייט פון דעם. ער קריטיקירט די, וועלכע לעבן אַ גוטן טאָג, פאַרנעמען זייער צייט מיט שפּילן קאָרטן און מאַכן דעם אָנשטעל ווי וויכטיקע פּערזענלעכקייטן.

פון רוים איז ער אַוועק קיין שפּאַניע, ווו ער האָט פאַרענדיקט זיינע אַנדערע שאַפונגען.

קאַפּיטל פערצן

יידישער אַנטייל אין פילאָזאָפיע, מעדיצין און אַנדערע וויסנשאַפטן

אין דער גאַר אַלטער צייט האָט גריכנלאַנד געשפּילט די גרעסטע ראָל אין דער וועלט מיט אירע געלערנטע און פילאָזאָפן. איר פּלאַץ האָט שפּעטער, אין מיטלאַלטער, פאַרנומען שפּאַניע דורך די אַראַבישע פילאָזאָפן. די יידן דאָרט, אַדאַנק זייער קענטשאַפט אין דער אַראַבישער ליטעראַטור, האָבן געהאָלפן אַנטוויקלען און אויסברייטערן די פילאָזאָפיע און אויך זי אַריבערגעטראָגן אין אַנדערע לענדער. אין פּאַריזער אוניווערזיטעט האָט זיך דעמאָלט געגרינדעט אַ פאַקולטעט, ווו די הויפּט־לימודים זענען געווען טעאָלאָגיע און רעליגיעזע פאָרשונג פאַרבונדן מיט פילאָזאָפיע. איטאַליע איז אין אַ געוויסער מאָס דעמאָלט געשטאַנען פון דער זייט בנוגע דער דאָזיקער וויסנשאַפט. פונדעסטוועגן האָבן פיל געלערנטע אויך דאָרט זיך אויסגעצייכנט אין חכמת־הפילאָזאָפיע און געהאַט אין איר אַ באַדייטנדיקן חלק.

אין דעם פּרט האָבן די הויפּט־ראָל געשפּילט יידישע געלערנטע דורך איבערזעצן די בעסטע ביכער פון אַנדערע שפּראַכן אויף איטאַליעניש. ר׳ יעקב ב״ר אליעזר — אין יאָר 1200, האָט איבערגעזעצט אַ באַרימט בוך „כלילה ודימנה״ פון אַראַביש אויף העברעיש און נאָכדעם איז עס איבערגעזעצט געוואָרן דורך דעם געלערנטן משומד יאָהאַן די־קאַפּואַ אויף איטאַליעניש. די דאָזיקע אַרבעט האָט זיך דעמאָלט גערעכנט פאַר דער בעסטער שאַפונג אין דער ליטעראַטור. אויפן פאַרלאַנג פון פויפּסט באָניפאַציוס דער אַכטער, האָט דער משומד אויך איבערגעזעצט דעם רמב״מס „ספר הזכרונות״ פון העברעיש אויף איטאַליעניש. אויך ר׳ קלונימוס בן קלונימוס האָט דורך איבערזעצונגען אַריינגעבראַכט אין דער איטאַליענישער ליטעראַטור פיל שאַפונגען פון די אַראַבישע גרויסע געלערנטע. איבערהויפּט האָט זיך דעמאָלט אויסגעצייכנט אינעם פילאָזאָפישן דענקען, דער חכם יהודה (ליאָו) ב״ר משה הרומי, וועלכער האָט אַליין אַ סך געשריבן און אויך געאַרבעט

אויף איבערזעצונגען. ר׳ עמנואל הרומי אין זיינע פּאָעמעס לויבט אים זייער שטאַרק אַלס שאַפער און חכם, וואָס איז נישטאָ זיינסגלייכן אין יענער צייט. צום באַדויערן איז קיין איין בוך זיינס נישט געדרוקט געוואָרן. אַלע זיינע שאַפונגען געפינען זיך נאָר אין מאַנוסקריפּטן אין אייראָפּעישע ביבליאָטעקן און אַרכיוון. זייער אויסזען, ווערט דערציילט, ווייזט, אַז מען האָט זיי פיל גענוצט און אַ סך געלייענט. צווישן אַנדערע יידישע חכמים קאָן מען אויך אויסרעכענען: ר׳ נתן המאתי, ר׳ זכריה ב״ר יצחק פון באַרצעלאָנאַ און ר׳ הלל בן שמואל פון וועראָנאַ, וועלכע זענען אויך דערצו געווען גוטע דאָק־טוירים אין רוים. לויט צונץ, גייגער, ר׳ משה שטיינשניידער און אויך קריסטלעכע פאָרשער, קאָן מען צו דער רשימה צוגעבן נאָך פיל יידישע געלערנטע.

אין סאַלערנאָ האָט עקזיסטירט דער מעדיצינישער אוניווערזיטעט, וועלכער איז געווען באַרימט אין 13־טן יאָרהונדערט אַדאַנק דעם אָנטייל פון יידישע געלערנטע, וואָס האָבן זיך, לויט געוויסע אַרכיוון, אויסגעצייכנט אין וויסנשאַפט נאָך מיט הונדערטער יאָרן פריער איידער די שטאָט איז באַוווסט געוואָרן אין דער קריסטלעכער ליטעראַטור. ווי שוין דערמאָנט, האָט דאָרטן, אין צענטן יאָרהונדערט, דער יידישער געלערנטער דאָנאָלאָ פּראַקטיצירט מעדיצין. דאָס זעלבע אויך דער באַוווסטער יואב אינעם סוף פון 12טן י״ה. אַ גרויסע ראָל אין דער מעדיצינישער ליטעראַטור האָט דעמאָלט געשפּילט פאַראַג בן שלמה פון גירגענט. ער איז געווען באַוווסט אין דער אויסערלעכער וועלט אַלס FARAGUTH, וועלכער האָט איבער־געזעצט וויסנשאַפטלעכע ביכער אונטער דער דירעקציע פון קאַרל דעם ערשטן, דער קעניג פון נעאַפּאָל (1284—1266). דער לעצטער איז געווען אַ פּראָגרעסיווער און קולטורעלער מענטש, אַ גוטער פריינד און מיט פיל צוטרוי צום געלערנטן פאַראַג. אַדאַנק זיין יידישן פריינד, וועלכער האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף אים, האָבן יידן פון אים גענאָסן פיל טובות און אויך געווען באַשיצט אין געוויסע געגנטן קעגן די בישאָפן, וואָס פלעגן אָפט זוכן וועגן ווי צו שאַפן דיסקרימינירנדיקע געזעצן קעגן יידן. אין פאַרלויף פון די יאָרן 1279—80 האָט פאַראַג איבערגעזעצט אַ מעדיציניש בוך פונעם באַוווסטן אַראַבישן געלערנטן אַל־ראַזי. אין יאָר 1506 איז דאָס דאָזיקע בוך אַרויס פון דרוק אין צוויי גרויסע בענד אונטער נאָמען ־EL HAVI, וואָס זענען זייער וויכטיק אַלס היסטאָרישע מעדיצינישע ווערק. דאָס

אָריגינעלע בוך אין אַראַביש איז שוין לאַנג פֿאַרלוירן געגאַנגען, דעריבער איז די איבערזעצונג אויף איטאַליעניש אַ גרויסער און וויכטיקער בייטראַג צו דער מעדיצינישער פּראַפּעסיע ביזן היינטיקן טאָג. פֿון דעם קאָן מען זען ווי גרויס עס זענען געווען די פֿאַרדינסטן פֿון יידישע געלערנטע פֿאַר דער מעדיצינישער וויסנשאַפֿט אין איטאַליע.

אַ חוץ דעם, וואָס יידן זענען געווען לערער און וועגווייזער אין דער מעדיצין, האָבן זיי אויך פּראַקטיצירט ביים היילן קראַנקע צווישן די ברייטע מאַסן. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די קירך פֿלעגט אַמאָל אַרויסגעבן אַ באַפֿעל, אַז אַ גוטער קריסט טאָר זיך נישט לאָזן באַהאַנדלען פֿון יידישע דאָקטוירים, איז דער צוטרוי צו זיי געוואָרן אַלץ שטאַרקער אַפֿילו צווישן בישאָפֿן, גלחים און מאָנאַכן. אויף דעם קאָן עדות זאָגן זייערס אַן אייגענער — דער באַרימטער דאָקטאָר, טעאָלאָג און, אגב, שונא־ישראל, אַרנאָלדאָ די־ווילאַנאָבא — מיט זיין שרייבן און מוסר זאָגן. אין זיינע דרשות פֿלעגט ער שטראָפֿן די גלחים און אַנדערע פֿירער פֿון דער קירך, וואָס פֿאַרשוועכן זייער אמונה דורך באַנוצן זיך מיט דער הילף פֿון יידישע דאָקטוירים. עס איז אינטערעסאַנט, אַז אין דער זעלביקער צייט איז, לויטן ספר „אוצר נחמד״, דער ייד ר׳ יצחק ב״ר מרדכי געווען דער אָפֿיציעלער דאָקטאָר ביים פּויפּסט.

אויך אין אַנדערע חכמות, אַ חוץ מעדיצין און פֿילאָזאָפֿיע, זענען יידן געשטאַנען אין די פֿאָדערשטע רייען פֿון דער קולטורעלער איטאַליע. ר׳ עמנואל הרומי דערמאָנט זיי אין זיין ספר „מחברות י״ב״. איבערהויפּט באַטאָנט ער איינעם ר׳ בנימין ב״ר יהודה אַלס אַ גרויסן קענער פֿון גראַ־מאַטיק, מאַטעמאַטיק און אויך אַלס דעם לערער פֿון די דאָזיקע חכמות. ער רעכנט אויס נאָך געלערנטע, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין אַסטראָ־לאָגיע און אינזשיניעריע, געשאַפֿן ביכער און אויך איבערזעצונגען אויף די־אַלע געביטן.

אַזוי אַרום האָבן יידן פֿיל פּראָדוצירט אויפֿן געביט פֿון וויסנשאַפֿט אין פֿאַרלויף פֿון 13־טן און 14־טן יאָרהונדערט. די מלכים קאַרל דער ער־שטער, פֿרידריך דער צווייטער און ראָבערטאָ דער ערשטער, וועלכע האָבן זיך באַנוצט מיט יידישע געלערנטע מיטן צוועק צו פֿאַרשפּרייטן וויסן אין לאַנד, זענען די בעסטע עדות ווי גרויס עס איז געווען די ראָל, וועלכע יידן האָבן געשפּילט אין דער קולטורעלער אַנטוויקלונג פֿון איטאַליע.

קאפיטל פופצן

דער גייסטיקער און קולטורעלער צושטאַנד פון די יידן אין 13-טן און 14-טן יאָרהונדערט

כדי צו האָבן אַ גענויעם באַגריף וועגן דעם גייסטיקן צושטאַנד פון די איטאַליענישע יידן אין יענער צייט, דאַרף מען טיפער אַריינדרינגען אין די אידעען און געדאַנקען פון אונדזערע גדולים דעמאָלט. פון זייער שרייבן און שאַפונגען איז לייכט צו זען, אַז זיי האָבן גערעדט צו זייערע ברידער אין איטאַליע פון אַ ליבעראַלן שטאַנדפונקט. זייער צוגאַנג צו די יידישע פראָבלעמען איז געווען גאָר אַנדערש ווי פון די געלערנטע אין אַנדערע לענדער.

יהודה ראמאנא איז געווען אַ יידישער חכם, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין טאָלעראַנץ צו קריסטלעכע געלערנטע, אַפילו אזעלכע, וואָס פלעגן נישט אַרויסווייזן צופיל ליבע צו יידן צוליבן דת. ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט איבערזעצן פילאָזאָפישע ווערק פון אַנדערע שפראַכן. אין זיין זאַמלבוך „מאמרים", געפינען זיך פיל אַרטיקלען פון באַוווסטע קאַטוילישע געלערנטע, גראָד נישט קיין „אוהבי ישראל", ווי: אויגוסטין אַלבערטוס דער גרויסער, טאָמאַס אַקווינאָס און אַנד. אין סוף פון זיין ספר באַמערקט יהודה ראַמאַנאַ, אז מיט זיינע איבערזעצונגען האָט ער געוואָלט ווייזן די יידישע געלערנטע, אַז ס'איז פאַלש צו דענקען, אַז וויסנשאַפט און חכמה באַזיצן נאָר יידן, און אַז גויים זענען אומוויסנדיק.

וייטער ווערט געגעבן אַ פאַרגרעסערטע אָפּהאַנדלונג וועגן פריערדערמאָנטן ר' יעקב ב"ר אבא (אַנטולי), דער באַרימטער איבערזעצער פון פילאָזאָפישע ווערק פאַרן קיסר פרידריך דעם צווייטן. ער האָט געוווינט אין נעאַפּאָל ווו ער פלעגט האַלטן דרשות יעדן שבת וועגן תנ"ך, פאַרטייטשנדיק עס פון אַ קריטישן שטאַנדפונקט. אָבער ער איז געווען געצווונגען אויפצוגעבן אַזעלכע דרשות אונטערן דרוק פון זיינע חברים־לומדים,

וועלכע האָבן פּראָטעסטירט קעגן לערנען לויטן גייסט פון חקירה (פאָרשונג און צווייפלונג). ווייזט אויס, אַז פאַר די דאָזיקע יידן זענען ראַדיקאַלע געדאַנקען בנוגע רעליגיעזע פּראָבלעמען געווען אַ נייעס און צו פרעמד אַפילו אין דער פרייער איטאַליע. ר׳ יעקב האָט זיך געפונען גייסטיק נידערגעשלאָגן פון אזא האַנדלונג מצד די פרומאַקעס, ווייל ער איז געווען איבערגעגעבן צום יידישן דת אין אַלע פּרטים. צוליב דער אָפּאָזיציע קעגן אים דריקט ער זיך אויס אין איינעם פון זיינע ספרים זייער פּעסימיסטיש וועגן זיין לאַגע. ער זאָגט, אַז דאָס לעבן איז אים נמאס געוואָרן צוליב דעם גאַנצן אומגערעכטן טומל. דערצו נאָך איז די אַרבעט פון שרייבן פאַרן קיסר זייער אַן אָנגעשטרענגטע און איבער זיינע כוחות. און ווען דאָס וואָלט נישט געווען אַ גרויסער חטא, וואָלט ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, ווייל ער זעט נישט קיין ציל אין אַזאַ וועג פון לעבן.

קורץ נאָכדעם האָט ער געפונען אַן אויסוועג פון זיינע שרעקלעכע געדאַנקען, זיך באַרויקט און באַשלאָסן צו פאַרשרייבן אַלע זיינע שבתדיקע דרשות. מיט דעם האָט ער געשאַפן אַ ניי ספר מיטן נאָמען „מלמד התלמידים״, וואָס איז פאַרבליבן אין כתב־יד אַרום זעקס הונדערט יאָר, ביז וואַנען די באַוווסטע חברה „מקיצי נרדמים״ — די וועקער פון דרימלענדיקע — אין ליק, פּרייסן, האָט עס אָפּגעדרוקט אין יאָר 1886. דאָס בוך ווערט באַטראַכט אַלס אַ וויכטיקער היסטאָריש־קולטורעלער בייטראַג און עס איז זייער אינטערעסאַנט איבערצוגעבן עטלעכע געדאַנקען פון דאָרט. ר׳ יעקב ב״ר אבא־אנטולי זאָגט דאָרט:

„ווי נאַריש זענען די, וועלכע לערנען דעם תנ״ך אויבערפלעכלעך און פוילן זיך אַריינדרינגען טיפער אין די כוונות דאָרט, כדי בעסער צו פאַרשטיין געוויסע זאַצן און פּסוקים. ער זעט, ווי אַפילו רבנים לויפן דורך די פּרשה פון דער וואָך מיט אַ גרויסער שנעלקייט און מיינען, אַז דערמיט זענען זיי מקיים די מצווה פון תלמוד: „שניים מקרא ואחד תרגום״. אָבער די מצווה איז נישט צו יאָגן זיך און גלאַט זאָגן ווערטער, צוויי מאָל זאָגן דעם פּסוק, מיינט שטודירן און לערנען די פּרשות מיט די נביאים לכבוד די רויקע שבת־טעג. אָנשטאָט דעם שלינגט מען גאָר די ווערטער ווי אַ ביטערן טראָפּן אָדער מרור. איבערהויפּט באַציט מען זיך זייער גרינג צו די געדאַנקען און הויכע אידעאַלן, צום מין מענטש און צו דער וועלט בכלל וואָס ווערן אויסגעדריקט אין אונדזערע הייליקע ספרים. מען קוקט אויף

זייער שאַפונג ווי דאָס וואָלט געווען אַ מעשה פון דער פאַרגאַנגענהייט און נישט אַלס וועגווייזער פאַר אלע דורות פון יעדער צייט" (דער דאָזיקער צושטאַנד, צום באַדויערן, עקזיסטירט נאָך עד היום ביי אַ סך פון אונדזערע דאַוונער און שול־גייער — נ. ד.).

ווייטער, רעדט ער צו די וועלכע פאַרברענגען פיל צייט אין סתם לערנען תלמוד און זייער ווייניק זוכן זיי צו פאַרשטיין די גרינטלעכע באַ־דייטונג פון די דינים און באַשלוסן, צו וועלכע די בעלי־התלמוד האָבן גע־שטרעבט. אויב איינער וואָגט צו באַנוצן געדאַנקען וואָס ווערן אויסגעדריקט דורך נישט־יידישע געלערנטע, כדי מיט דעם צו קאָנען בעסער פאַרשטיין די פרינציפּן פון אונדזער תורה און תלמוד, ווערט ער גלייך געשטעמפּלט אַלס חוטא. זיי ווילן נישט אָדער קאָנען נישט באַגרייפן, אַז וואָס מער דער ייד איז גרויס אין תורה און פרום אין אָפּהיטן אַלע מצוות, קאָן ער זיך גיכער דערלויבן צו לערנען געדאַנקען און אידעען פון פרעמדע גרופּן, כדי מיט דעם פאַרשטאַרקן זיינע אייגענע איבערצייגונגען און גלויבן.

אויך האָט ער אין זיין ספר אָפּגעגעבן פיל פּלאַץ צו באַשרייבן ווי דער ייד אַלס מענטש דאַרף זיין אַ בעל־מידות צום צווייטן. דערצו קריטי־קירט ער שטאַרק די לייט, וועלכע באַזיצן שלעכטע מאַניערן, סיי צווישן פרעמדע און סיי ביי זיך אין הויז און מאַכט חוזק פון די שול־יידן, וואָס ביים דאַווענען פאַרקרימען זיי די פּנימער, גלאָצן מיט די אויגן, דרייען זיך אויף אַלע זייטן אָן שום אינערלעכן געפיל, נאָר כדי זיך אויספּיינען פאַרן צווייטן. ליב האָבנדיק דעם אמת, פלעגט ער אָפּט אויסלאַכן די געמאַכטע פרומקייט, די צופיל תעניתים, וואָס געוויסע לייט האָבן ליב צו פּראַקטי־צירן, אָדער פון די, וואָס לאָזן זיך אַריין אין אַבערגלויבן, כישוף, אָפּשפּרע־כונגען קעגן עין־הרע אדג"ל. די אַלע זאַכן זאָגט ער, זענען נאָר אַ נאָכ־מאַכונג פון די קריסטלעכע שכנים אָדער גאָר פון געצנדינער. יעדע קריטיק וואָס ער ברענגט אַרויס אין זיין שרייבן, איז באַגרינדעט אויף געוויסע פּסוקים פון תנ"ך אָדער מאמרים אין תלמוד. און אַזוי גייט ער ווייטער אין זיין ספר, מאַכנדיק צונישט די מיינונגען פון די, וועלכע דענקען אַז וויסנ־שאַפט, פילאָזאָפיע און לאָגיק שטייען אין סתירה פון אַ רעליגיעזן ייד. נאָר דער וואָס איז שוואַך אין זיינע גייסטיקע געדאַנקען דאַרף זיין פאַרזיכטיק מיט וויסנשאַפט־פאָרשונג, אָבער פאַרן אמתן פרומען ייד איז חכמה אַזוי וויכטיק ווי פלייש און ווין פאַר אַ געזונטן מענטש.

זיין ספר איז געשריבן אין אַ ריינער, לייכטער העברעישער שפּראַך, און דעריבער איז נישט קיין ווונדער, וואָס עס איז גלייך געוואָרן פּאָפּולער צווישן די מאַסן אַלס דער טאָנגעבער פון וויסן פאַר דער יידישער איטאַליע. אויך אין שפּאַניע און פּראָוואַנץ האָט דאָס בוך געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף דער יידישער באַפעלקערונג און אַ סך האָבן זיך גענומען עס שטודירן און נאָכגיין אין זיינע וועגן (אַזוי באַמערקן פיל היסטאָריקער). אָבער די פאַנאַטיקער, וועלכע האָבן געהאַט אַ שליטה אויפן המון אין אַנדערע לענדער און פלעגן שטענדיק זיין אין שרעק פאַר דער ליכטיקער שיין, האָבן אַרויפ־געלייגט אַן איסור אויפן בוך. פיל מענטשן האָבן טאַקע געפאָלגט דעם פאַר־באָט און נישט געוואָגט צו לייענען דאָס ספר. דער דאָזיקער קאַמף צווישן ליכט און חושך — ווי היסטאָריש באַוווּסט — האָט זיך פאַרשפּרייט אין פיל איראָפּעישע לענדער.

מיט אַ דור שפּעטער האָט זיך באַרימט געמאַכט דער באַוווּסטער חכם ר׳ זרחיה חן ב״ר יצחק, וועלכער איז אויך געווען ליבעראַל אין זיין דענקען און שרייבן. ער איז געווען אַ גרויסער מדקדק אין אַלע מצוות און זייער פרום, אָפּט קריטיקירט נישט־גלויביקע אָדער אַפּיקורסים. אָבער דאָס האָט אים נישט אָפּגעהאַלטן פון אויסדריקן, אין אַ פרייען גייסט, זיינע געדאַנקען קעגן די געלערנטע, וואָס זענען לויט זיינע איבערצייגונגען, גע־ווען אומגערעכט אין זייער בליק אויפן יהדות. ווען ער וואָלט געלעבט אין דייטשלאַנד אָדער פראַנקרייך, ווו פאַנאַטיזם האָט געהערשט צווישן די מערסטע יידישע געלערנטע, וואָלט ר׳ זרחיה חן געשטאַנען אין אַ גרויסער סכנה פאַרדאַמט צו ווערן. ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַממערסטן מיט פירושים אויף תנ״ך. די מער באַרימטע פון זיי זענען די ספרים „תקוות אנוש״ אויף איוב און „אמרי דעת״ אויף משלי, ווו ער קריטיקירט אַזעלכע גרויסע חכמים ווי דעם רמב״ן, אבן עזרא, דוד קמחי א. אַנד. ער האָט זיך דער־לויבט אַזוי וויט און געזאָגט, אַז זיי האָבן פשוט נישט פאַרשטאַנען געוויסע שטעלן אין כתבי־קודש, פאַרלאָזנדיק זיך אויף זייער אייגענער פאַנטאַזיע. ער זאָגט, אַז זיי זענען טאַקע געווען גרויסע חכמים אין תלמוד, איבער־הויפּט דער רמב״ן, אָבער ווייניק זיך פאַרטיפט און געפאָרשט דעם תנ״ך. אין איין פלאַץ פון זיין שרייבן זאָגט ער שבחים צו יעדער אמונה, וואָס גלויבט אין דער אייניקייט פון גאָט, נישט אַכטנדיק וואָס פאַר אַ נאָמען זי טראָגט. אזא בליק אויף רעליגיע איז דעמאָלט געווען פאַררעכנט אַלס דער

פרייעסטער געדאַנק. ער איז געווען זעלבשטענדיק אין זיינע מיינונגען וועגן אַ דערקלערונג אָדער אַן אויסטייטש פון אַ געדאַנק אין תנ״ך, באַמערקנדיק, אַז אים אַרט נישט אויב הונדערט טיפּשים וועלן עס נישט קאָנען פאַרשטיין און ס׳איז גענוג פאַר אים ווען איין חכם וועט וויסן די באַדייטונג פון זיין שרייבן.

ער איז געווען אַ בעל־מידות, וואָס ער האָט שטאַרק באַטאָנט אין זיין שרייבן. זיין מיינונג איז געווען, אַז וואָס גרעסער דער תלמיד־חכם איז אין זיין פרומקייט און אָפּהיטן אַלע מצוות, דאַרף ער מער פאַרזיכטיק זיין בנוגע גוטע מידות, און זיינע באַציונגען צום צווייטן מוזן זיין בשלימות, אָן שום פלעק. עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן אַ געוויסן שטריך פון זיין כאַראַקטער, וואָס איז אַ זעלטנהייט צווישן אַנדערע געלערנטע, אָבער ענלעך צום פריער־דערמאָנטן חכם ר׳ יעקב ב״ר אבא (אַנטולי): אַלס אַ מענטש מיט גוטע מידות איז ער אויך געווען באַזאָרגט וועגן שיינער אויפפירונג, וואָס יעדע פּערזאָן מוז באַזיצן. אין זיין מוסר־זאָגן דריקט ער זיך אויס, אַז אַן אמתער חכם מוז זיין געלאַסן און אַנגענעם אין זיינע געשפּרעכן; ער זאָל נישט מאַכן קיין משונהדיקע באַוועגונגען מיט זיינע הענט און זיך נישט דרייען מיטן קערפּער ווי עס איז צו באַמערקן ביים רוב מענטשן אין גאַס. אין ספר „אמרי דעת״ גיט ער אָפּ פיל פּלאַץ צו קריטיקירן די פּערזאָנען, וואָס זענען אַמאָל געווען פאַראינטערעסירט אין קולטור און וויסנשאַפט און האָבן לעצטנס עס פאַרלאָזט, פאַרברענגענדיק בעסער זייער צייט אין יאָגן זיך נאָך אַ לעבן פון רייכטום.

אין זיינע פּירושים אויף תנ״ך ברענגט ער אַרויס געדאַנקען ווי אַזוי מען קאָן דאָרט געפינען אָנצייכענונגען וועגן די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פון פאַרשידענע חכמות, ווי: מאַטעמאַטיק, מוזיק, פיזיק, לאָגיק, פּאָליטיק אדג״ל. מיט דעם האָט ער געוואָלט איבערצייגן, אַז דאָס רוב מענטשן, אפילו געלערנטע, שעצן זייער גרינג דאָס שטודירן פון תנ״ך. מען באַגנוגנט זיך נאָר מיט דורכלייענען אים זייער שנעל, אָן שום פאַרטיפונג און פאַרשונג, געוויסע טיילן ווערן געלייענט נאָר יום־טובים און עטלעכע אַפילו נאָר איין מאָל אין יאָר. ווייטער שרייבט ער, ווי וויכטיק עס זענען די לימודים פון נאַטור־פאָרשונג און פילאָזאָפיע, וועלכע קאָנען אַ סך דערהייבן דעם מענטשנ גייסטיק.

דעריבער איז נישט קיין ווּנדער, וואָס אַרום אים האָט זיך שטענדיק פאַרזאַמלט אַ גרויסע צאָל תלמידים, וועלכע האָבן געזוכט איבערצונעמען זיין פרייען געדאַנק אין לערנען און וויסן, און אַז ס'איז געשטיגן זיין ווירקונג אויף דער יידישער באַפעלקערונג פון איטאַליע.

קאַפּיטל זעכצן

דער קאַמף אַרום רמב״ם, מיסטיציזם, קבלה און נסתר

אין יענער צייט איז פאָרגעקומען דער באַוווסטער קאַמף אַרום רמב״ם, זיינע ספרים און שאַפונגען אין די מערסטע יידישע קהילות פון אייראָפּע, אַחוץ איטאַליע, ווו צווישן דער יידישער באַפעלקערונג האָט גע־הערשט דער פרייער גייסט. דער קאַמף האָט אָנגענומען אַ זייער שאַרפן כאַראַקטער צווישן די גרויסע רבנים און געלערנטע פוןביידע צדדים, קעגנער און פאַרטיידיקער. די פאַנאַטיקער האָבן געזען אַ גרויסע סכנה פאַרן יהדות אין רמב״מס ספרים און זיין שיטה פון אמונה בכלל. דער דאָזיקער פאַנאַטיזם האָט זיי דערפירט אַריינצולייגן אין חרם די אַלע, וועלכע האָבן איינגעשטימט מיטן רמב״מס פילאָזאָפיע און אויך אפילו אַזעלכע וועלכע זענען געווען טאָלעראַנט און געהאַט אַ ליבעראַלע באַציונג צו קולטור בכלל. לויט היסטאָריקער, האָט מען אין עטלעכע קהילות, פשוט פאַרברענט עפנטלעך זיינע ספרים אַלס אַפּיקורסישע ווערק. אין דער זעלביקער צייט האָט ר׳יעקב ב״ר אבא (אנתולי), זייענדיק אין נעאַפּאָל, איטאַליע, געשריבן זיין פריער דערמאָנטן „מלמד התלמידים״ און פאַרטיידיקט דאָרט דעם רמב״ם, אָפּשלאָגנדיק מיט גוטע אַרגומענטן אַלע טענות פון זיינע קעגנער. נאָכמער, אויפן באַפעל פון קיסר פרידריך דעם צווייטן האָט ער איבער־געזעצט דעם „מורה נבוכים״ אויף איטאַליעניש. דער „רמב״ם־קאַמף״ איז אָנגעגאַנגען אין פאַרלויף כמעט פון גאַנצן 13־טן יאָרהונדערט. אַ ביסל שפּעטער, אין יאָר 1305, האָט דער רשב״א (ר׳ שלמה בן אדרת), פון באַר־צעלאָנאַ, אָנגענומען נאָך שטאַרקערע מיטלען קעגן די אַלע, וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט הכמה און פילאָזאָפיע און האָט אַלעמען מחרים געווען מיט זייערע ספרים, שוין אַריינגערעכנט דעם „מלמד המלמדים״.

צווישן אַנדערע יידישע געלערנטע אין איטאַליע געפינט מען דעם חכם ר׳ משה ב״ר שלמה פון סאַלערנאָ, וועלכער איז מיט ר׳ יעקב ב״ר אבא

געשטאַנען אין קאַמף קעגן די אַלע, וועלכע האָבן באַשמוצט דעם רמב״ם. ער איז געווען אַ בקי אין דער פילאָזאָפישער ליטעראַטור, אין העברעיש און אַנדערע שפּראַכן, פאַרפאַסט א פירוש אויפן „מורה נבוכים״ און איבערגעזעצט די שווערע זאַצן אויף דער לאַנד־שפּראַך. ער האָט געהאַט אַ פאַרצווייגטע באַקאַנטשאַפט מיט קריסטלעכע געלערנטע פילאָזאָפן און פלעגט דיסקוטירן צוזאַמען מיט זיי וועגן יידישע און אַלגעמיינע באַגריפן פון גאָטהייט. איבערהויפּט שטעלט ער זיך אָפּ אין זיין ספר אויף איינעם אַ קריסט, מיט וועלכן ער האָט צוזאַמען אַרומגערעדט די עיקרים פון אמונה און אייניקייט פון גאָט, וואָס דער רמב״ם האָט געשאַפן, צוליב וועלכע ס׳איז צום סוף אויסגעבראָכן די גרויסע מחלוקת צווישן די יידישע קהילות.

ר׳ הלל בן שמואל פון ווערָאנא איז אויך געווען איינער פון די חכמי־איטאַליע, וועלכער האָט געפירט אַ קאַמף מיט די פאַנאַטיקער, די קעגנער פון רמב״ם. אַחוץ זיין לומדות אין תורה און תלמודישער ליטעראַטור, האָט ער פאַרמאָגט גרויס קענטשאַפט אין נאַטורוויסנשאַפט, מעדיצין און פילאָזאָפיע. ער פלעגט געבן לעקציעס און דרש׳נען וועגן די אַלע חכמות אין אַנדערע שטעט, אַריינגערעכנט רוים. און אַזוי איז ער באַוווּסט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד.

די מחלוקתן וועגן רמב״ם זענען אַלץ אָנגעגאַנגען אין פיל אייראָפּעישע מדינות, איבערהויפּט אין פראַנקרייך. געוויסע קנאים דאָרט האָבן געהאַט גרויס חשק אַריינצושלעפּן אויך די איטאַליענישע יידן אין דאָזיקן קאַמף. זיי האָבן אַרויסגעשיקט זייערס אַ שליח, ר׳ שלמה פּאַטיט, אַ קליינער ידען אין יידישקייט, וועלכער איז אַרומגעפאָרן אין פאַרשידענע געגנטן פון אייראָפּע, אָנרייצנדיק דעם המון, מען זאָל פאַרברענען דעם רמב״מס ספרים, ביזוואַנען ער איז אָנגעקומען קיין איטאַליע. אָבער דאָרט האָט ער נישט געהאַט קיין הצלחה און באַלד דערזען, אַז די יידן זענען גאָר ווייט פון אַזעלכע פאַנאַטישע מעשים. דער חכם ר׳ הלל בן שמואל, וועלכער האָט געוווינט אין דער פּראָווינץ, ווייט פון רוים, האָט דורך בריוו געווירקט אויף זיינע געלערנטע פריינד, אַז מען זאָל אָננעמען שאַרפע שריט קעגן דעם דאָזיקן קנאי. אַזוי איז עס טאַקע געשען, און שלמה פּאַטיט האָט געמוזט וואָס שנעלער פאַרלאָזן איטאַליע, דאָס לאַנד, ווו דער פרייער געדאַנק איז געווען טיף איינגעוואָרצלט.

מיט זיין איבערגעגעבנקייט צום רמב״ם האָט ר׳ הלל געשטרעבט צו

אָרגאַניזירן אַ קאָמיטעט פון יידישע געלערנטע אין מצרים און בבל, וואָס זאָל ברענגען צום משפט די קנאים קעגן רמב"ם. זיין פּלאַן האָט ער פאָרגע־לייגט, ווען ער איז שוין געווען אויף דער עלטער און נישט געקאָנט צופיל אַרבעטן, כדי אים צו רעאַליזירן. דעריבער איז פון זיין גאַנצן חלום גאָר־נישט אַרויסגעקומען.

פון דער אַנדערער זייט, קאָן מען אָבער נישט פאַרבייגיין אָן אַ באַ־מערקונג, אַז ר' הלל האָט געהאַט געוויסע נייגונגען צו פאַנטאַזיע, און עטלעכע מאָל האָט ער זיך אויסגעדריקט, אַז אין פאַרשידענע פאַלן קאָן ער נישט מסכים זיין מיטן ראַציאָנעלן געדאַנק פון רמב"ם, צום ביישפּיל, די מעשה פון יונה הנביא מיטן פיש, ווו דער רמב"ם דערקלערט, אַז דאָס איז נאָר געווען אַ משל אין זאָגן מוסר דעם מענטש פאַר זיין שוואַכן גלויבן אין גאָטס געבאָט, אָבער נישט קיין נאַטירלעכער פאַקט. ר' זרחיה חן האָט גע־פירט אַ דיסקוסיע מיט ר' הללן וועגן דעם דאָזיקן ענין. דער ערשטער איז גראָד געווען פרייער אין דענקען, און פאַרשטאַנען די נאַטור גרינטלעך. האָט ער מיט הללן געדעדט שאַרפע דיבורים, אַז יענער איז פאַרקראָכן צו טיף אין אַזאַ פאַנטאַסטישן געדאַנק, וואָס איז זייער ווייט פון דער ווירק־לעכקייט.

אויף דער עלטער האָט ר' הלל אָנגעשריבן אַ ספר מיטן נאָמען „תגמולי הנפש", וועלכן די חברה „מקיצי נרדמים" האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1874. דאָס ספר איז אַ פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונג בנוגע לאָגיק און נאַטורוויסנשאַפט, געשריבן אינעם סטיל פון די געלערנטע גריכן, אַראַבער, קריסטן און יידן, וועלכע זענען באַרימט אין דער פילאָזאָפישער ליטעראַ־טור. אַ טייל פונעם ספר איז אָפּגעגעבן פאַר דיסקוסיעס וועגן יענער וועלט — גיהנום און גן־עדן. ווי אַלע אנדערע פילאָזאָפן אין זיין צייט, זוכט ער צו מאַכן אַ פשרה צווישן רעליגיע און וויסנשאַפט. ער דערקלערט, אַז דער־באַגריף פון שכר ועונש אויף דער שפּעטערדיקער וועלט, וואָס ווערט אָפט דערמאָנט אין תלמוד, איז נישט געמיינט אין דעם זין פון פיזישע אַקטן, ווי ברענען און בראָטן, אָדער צו געניסן פון אַלע תענוגים, זיי זענען נאָר אַבסטראַקטע גייסטיקע בילדער, וועלכע האָבן דעם צוועק צו וועקן אינעם מענטש אַ באַגער צו גוטע מעשים. דאָס ספר, מיט זיין נייעם וועג פון פאָר־שונג, האָט דעמאָלט געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף אַלע געלערנטע, אפילו צווישן קריסטן, וועלכע האָבן אויסגעדריקט פיל שבחים פאַר אים.

די פילאָזאָפיע אין יענער תקופה איז אַממערסטן געווען געבויט אויף די עיקרים פון רעליגיע און איר פאַרשונג, און אָפט זיך געשטיצט אויף קבלה, אָדער „חכמת הנסתר" — די פאַרבאָרגענע חכמה — וואָס איז אַזוי באַקאַנט אין דער געשיכטע פון אונדזער רבנישער ליטעראַטור. **אָבער מיט** דער צייט זענען געווען לייט גאָר אַראָפּ פון גלייכן וועג און זיך גענומען צו אַ לערע פון „מיסטיציזם", וואָס האָט גאָר קיין שייכות נישט מיט פילאָזאָפיע פון איין זייט, און מיט אמונה, פון דער אַנדערער. מען האָט זיך גלאַט פאַרטיפט אין אַבסטראַקציעס און עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ מין „נסתר־עסק", די גאָר פאַרצייטיקע באַשעפטיקונג מיט רמזים און סודות, אָן שום באַציונג צו חכמה אָדער אמונה. וואָס איז אַ לאַנגע צייט כמעט פאַרגעסן געוואָרן, איז אין דער צווייטער העלפט פון 13־טן יאָרהונדערט צוריק אַרויפגעשווומען מיט אירע נידעריקע באַגריפן. די דאָזיקע תורה האָט פאַרטומלט דעם מענטשס מוח מיט סודות אָן אינהאַלט, צייכענונגען פון אותיות, מלאכים, רוחות, שדים, סגולות אדג"ל. דער „נסתר־עסק", מיט וועלכן פאַנאַטיקער אָדער גלאַט שווינדלער זענען געווען זייער באַשעפטיקט, האָט מצליח געווען צווישן יידן ווי אויך קריסטן אין פראַנקרייך און די דייטשע פראָווינצן.

צו דער גייסטיק־פרייער איטאַליע האָט דער דאָזיקער משוגענער פאַנאַטיזם ווייניק דערגרייכט. איינער, אַ ספרדישער ייד, ר' אברהם אבואַלעפיה, אַליין אַ תלמיד־חכם אין תורה, פילאָזאָפיע און דערצו אַ גוטער מעדיצינער, איז פאַרקראָכן אין דעם „נסתר־עסק". ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט שמות און רמזים, דענקנדיק, אַז מיט דעם וועט ער קאָנען דערגרייכן צו נבואה. אין פאַרלויף פון דער צייט האָט ער זיך איינגערעדט, אַז ער איז שוין אַ נביא און פאָרויסגעזאָגט ווען משיח וועט קומען און ווען דער „קיבוץ גלויות" וועט זיך אָנהייבן. און אַזוי האָט ער אַרויסגעלאָזט אויף מרחקים צו געפינען די עשרת השבטים מיטן סמבטיון. דערווייל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין איטאַליע צו פאַרשפּרייטן דאָרטן זיין תורה און נביאות. אָבער די יידן האָבן זיך אויסגעלאַכט פון אים און די אַלגעמיינע באַפעלקערונג האָט אים געשטעמפּלט אַלס אַ משוגענעם, ביז וואַנען מען האָט אים אַריינגעזעצט אין תפיסה און נאָכדעם פאַרטריבן פון לאַנד. די אויפגעקלערטע יידן פון איטאַליע האָבן נישט דערלאָזט קיין פאַנאַטישע באַוועגונגען אין זייערע רייען.

אָבער שטענדיק איז פאראַן אַ יוצא מן הכלל, און אויך אין דער פריער איטאַליע האָבן זיך באַוויזן געוויסע סימנים פון שוואַכקייט ביי עטלעכע הכמים, וועלכע האָבן געהאַט אַ בייגונג צו קבלה און נסתר. צום ביישפּיל דער געלערנטער ר׳ עמנואל הרומי, וועלכן מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, האָט אין זיינע ערשטע יאָרן זיך באַשעפטיקט מיט סודות (לויט קבלה), וואָס מען געפינט אין די צורות פון אותיות. ער האָט אפילו געשאַפן אַ ספר „ביאור סודות וצורות האותיות״, אַ שיטה, דורך וועלכער מען קאָן דערגיין סודות דורך דער געשטאַלט פון העברעישע אותיות.

אָבער אַזעלכער, וועלכער האָט געווידמעט זיין גאַנץ לעבן דער קבלה און נסתר, איז געווען נאָר איינער אין איטאַליע — ר׳ מנחם פון ריקאַנטי. ער איז געווען דער מחבר פון פיל ספרים, געשריבן דורכאויס מיט פאַנטאַסטישע געדאַנקען, חלומות, סודות, וואָס זענען ווייט פון דערווירקלעכקייט. אין זיין ספר „ביאור על התורה״ וויל ער איבערצייגן, אַז יעדעס אות אַנטהאַלט אין זיך אַ סוד, אַ פאַרקערפּערונג פון אַ הויכן, פאַר־באַרגענעם אידעאַל, וואָס קאָן נישט אַנטפּלעקט ווערן צו יעדן איינעם, נאָר צו אַן אמתן בעל־מקובל. אין זיינע ספרים: „ביאור התפילות״ און „טעמי המצוות״, איז ער שוין אינגאַנצן אַוועק צו די יידיש־דייטשע קאַבאַליסטן ווי ר׳ יהודה החסיד פון רעגענסבורג און ר׳ אליעזר פון גערמייזא. ער האָט זיי באַטראַכט אַלס זיינע בעסטע אויטאָריטעטן און אין זייערע טריט איז ער נאָכגעגאַנגען. עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז ר׳ מנחם האָט געלערנט אויך פילאָזאָפיע און לאָגיק, וועלכע ער דערמאָנט אין זיינע אָפּ־האַנדלונגען פון סודות און נסתר. דאָס ווייזט, אַז אין 13־טן יאָרהונדערט איז די תורה פון פילאָזאָפיע געווען איינגעוואָרצלט ביי אַלע שיכטן פון דער יידישער איטאַליע.

קאַפּיטל זיבעצן

די תלמודישע ליטעראַטור און די באַרימטע תלמידי-חכמים (צווישן 13-טן און 14-טן יאָרהונדערט)

תלמודישע וויסנשאַפט צווישן די תלמידי־חכמים אין איטאַליע, האָט זיך אַנטוויקלט פיל שפּעטער ווי אין שפּאַניע און אין צפון־טייל פון פראַנקרייך. די געלערנטע פון די לעצטע לענדער האָבן געהאַט אויסגעטראָטן פאַר זיך דעם וועג פון לערנען און פאָרשונג שוין מיט דורות צוריק, נאָך איידער די יידן פון איטאַליע האָבן גענומען שטודירן תלמוד. די שאַפונג פון די ערשטע איז געווען לאַנג באַרימט אומעטום און געדינט אַלס וועג־ווייזער פאַר לערנער פון פיל אַנדערע לענדער, וועלכע פלעגן זיך ווענדן צו זיי מיט זייערע פאַרשידענע פּראָבלעמען. בדרך־כלל קאָן מען זאָגן, אַז גאָר פון אָנהייב האָבן אפילו די אויסגעצייכנטע חיבורים, וועלכע די חכמי־איטאַליע האָבן דעמאָלט געשאַפן, נישט געהאַט קיין צו־גרויסן איינפלוס אויף יידן אין אַנדערע לענדער. עס האָט גענומען פיל דורות איידער זייערע ספרים (נאָר אַ קליינער טייל פון זיי), זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן. די מערסטע פון זיי זענען נאָך אין מאַנוסקריפּטן צעוואָרפן אין פאַרשידענע ביבליאָטעקן, און אַ טייל זענען גאָר פאַלוירן געגאַנגען אין פאַרלויף פון דער צייט.

מען מוז אָבער, פון דער אַנדערער זייט, באַשטעטיקן, אַז געוויסע געלערנטע האָבן זיך פאָרט באַרימט געמאכט דורך זייער שאַפונג, מיט וועלכער די לומדישע וועלט אין אַנדערע לענדער האָט זיך גערעכנט אַלס בני סמכא. און אפילו דורות נאָכדעם האָט מען די, וועלכע מיר וועלן ווייטער דערמאָנען, באַטראַכט אַלס די אויטאָריטעטן אין פראַגן פון געוויסע קאָמפּליצירטע דינים. ווען מען פאַרטיפט זיך אָבער אין זייערע ווערק, איז לייכט צו באַמערקן, אַז זיי האָבן פאַרמאָגט גאָר אַן אַנדערן צוגאַנג פון לערנען און חקירה אין תלמוד, ווי די געלערנטע אין פראַנקרייך און שפּאַניע. די

לעצטע פלעגן זיך אָפּט באַציען צו די מנהגים און דינים, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין איטאַליע אַלס „מינהג לועזים", דאָס מיינט, פרעמט צו זייער גייסט און איבערצייגונגען (אַן אויסדרוק, וואָס מען געפינט אין פיל ספרים זייערע).

די חכמי־איטאַליע, ווי באַוווּסט, זענען על־פּי־רוב געשטאַנען קולטורעל העכער ווי זייערע חברים אין די שכנותדיקע מדינות. זיי האָבן אין פיל פּרטים שטענדיק געזוכט צוזופּאַסן וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע, אָן שטערונגען צום דת. אין דער זעלביקער צייט האָט געהערשט אַ שפּאַלטונג צווישן דעת און דת — וויסנשאַפט און רעליגיע — ביי יידישע געלערנטע אין אַנדערע מקומות, איבערהויפּט אין שפּאַניע, ווו די מחלוקת צווישן די נאָכפאָלגער פון רמב"ם און זיינע מתנגדים האָט נאָך אַלץ געפלאַקערט.

פון די מער־באַרימטע תלמידי־חכמים אין דער דאָזיקער תקופה זענען געווען צוויי געלערנטע, דער זיידע מיטן אייניקל, וועלכע האָבן זיך גערופן מיטן זעלבן נאָמען „הרי"ד": רבינו ישעיה ב"ר מאלי די־טראַני (פון דער שטאָט טראַני). אין ספרים פון יענער צייט איז דער ערשטער אויך געווען באַוווּסט מיטן נאָמען „ר' ישעיה הזקן" — כדי צו אונטערשיידן אים פון זיין אייניקל, — און איז געווען באַקאַנט אפילו אויסער די גרענעצן פון איטאַליע. מען האָט זיך געווענדט צו אים מיט „שאלות" פון פיל לענדער און זיך גערעכנט מיט זיינע באַשלוסן אַלס דער גדול פון די ימי־הבינים. אויך אין די שפּעטערדיקע דורות, די צייטן פון הגאון „בעל הש"ך", דער מפרש צום „חושן משפט", וועלכער האָט אים אָנגערופן דער גרויסער מלומד אין תורה, איז ער נאָך אַלץ געווען דער באַרימטער חכם. אין איטאַליע איז זיין גרויסקייט געשטיגן ווי דער רמב"ם אין די מזרח־לענדער און רבינו ת"ם אין פראַנקרייך און די דייטשע פּראָווינצן דעמאָלט.

ער האָט געשאַפן אַ גרויסע צאָל ספרים, אַלס פּירושים און פילפּול כמעט אויפן גאַנצן תלמוד און זיינע מפרשים. זיינע תשובות האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער אַ לייכטן סגנון, לאָגיק און מיט אַ פּליסיקער שפּראַך, וואָס דעמאָלט איז עס כמעט געווען אַ זעלטנקייט. זייענדיק אַ ליבהאָבער פון אמת, האָט ער זיך דערלויבט אָפּט צו קריטיקירן די מיינונגען פון גרויסע גאונים פון זיין צייט, ווי: רש"י, רבינו ת"ם, הרשב"ם א. אנד., אויב ער איז נאָר געווען זיכער, אַז דער אמת איז אויף זיין זייט. אָפּט אָבער, פלעגט עס אַליין בייטן זיינע מיינונגען, ד. ה. מודה זיין על האמת, אַז אין די פריער־

דיקע אויסטייטשונגען האָט ער געמאַכט אַ טעות. אין זיינע ספרים איז אויך לייכט צו באַמערקן דעם פרייען גייסט, מיט וועלכן די יידישע איטאַליע האָט זיך אויסגעצייכנט. דעריבער איז נישט קיין וואונדער וואָס ער, ווי אַנדערע, האָט שטענדיק געזוכט דעם גרינגן וועג אין אַרויסגעבן אַ פסק־דין, אַז עס זאָל נישט פאַלן צופיל צו לאַסט אויפן עולם. נישט איינמאָל איז ער אַרויסגעטראָטן קעגן די געלערנטע אין פראַנקרייך פאַר זייער שטרענגקייט אין דינים, אַנגעבנדיק דערביי, אַז מיט זייערע פסקי־דין וועלן זיי נאָר אומזיסט פאַראורזאַכן שאָדן און פאַרלוסט פון געלט. ער באַטאָנט, אַז אזא אַקט איז נישט אין גייסט פון דער תורה, וואָס איר יסוד איז געבויט אויפן געזעץ פון „וחי בהם". מיט אַנדערע ווערטער, דער יידישער דת וויל באַזאָרגן דעם מענטש מיט אַ בעסער לעבן און נישט צו ליידן. אַחוץ זיינע פירושים, כמעט אויפן גאַנצן תלמוד — לויטן היסטאָריקער צונץ — האָט ער געשריבן נאָך ספרים, פון וועלכע מיר מערקן נאָר אָן אַ געוויסע צאָל: ספר המזכיר, עיני העדה, אהלי יצחק, בית נאמן, קונטרס הזכרונות אדג"ל. אַ טייל איז געדרוקט געוואָרן אין פאַרלויף פון יאָרן, אָבער פיל זענען נאָך אין מאנוסקריפטן אין אייראָפּעישע ביבליאָטעקן.

זיין אייניקל, באַוווסט מיטן נאָמען ר' ישעיה (בן אליהו) האחרון, האָט פיל געירשנט פון זיין זיידן אין גרויסקייט און חכמת־התורה. ער איז געווען באַרימט מיט זיינע לאָגישע, פשוטע פירושים אויפן תנ"ך, איבערהויפּט שופטים, שמואל און איוב, פאַרנעמענדיק מיט דעם אַ בכבודיקן פּלאַץ צווישן די חכמי־איטאַליע, וועלכע זענען אַוועק פון דעם אַלטן וועג צו פאַרטייטשן אַ פסוק דורך רמזים און משלים, ווי מען האָט זיך נוהג געווען אין אַנדערע מדינות. דאָס זעלביקע איז צו באַמערקן אין זיין סטיל פון שרייבן פירושים אויפן תלמוד, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט קלאָרקייט אין געדאַנק און שפּראַך. דאָס באַווייזן זיינע חיבורים „פסקי הלכות" און „קונטרס הראיות", וועלכע זענען, צום באַדויערן, פאַרבליבן אין כתב־יד און נאָר אַ קליינער טייל איז שפּעטער אַרויסגעגעבן געוואָרן און ווערט דערמאָנט אין ספרים פון אַנדערע געלערנטע, ווי „שלטי הגיבורים" אדג"ל. מען קאָן זאָגן, אַז דאָס אייניקל ר' ישעיה האחרון, איז נאָכגעגאַנגען אין די טריט פון זיין זיידן, ר' ישעיה הזקן, אין לומדות און שאַפונגען אויפן געביט פון דער תלמודישער און רבנישער ליטעראַטור.

פון דער אַנדערער זייט, איז בנוגע השכלה און קולטור, וועלטלעכע

און יידישע, געווען אַ גרויסער אונטערשיד צווישן זיידן און אייניקל. דער ערשטער, ווי פריער דערמאָנט, איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ פרייען געדאַנק. די אַלגעמיינע פילאָזאָפיע פון יענער צייט האָט אין אַ געוויסער מאָס געווירקט אויף אים, און זיינע פסקים זענען געווען אין דעם דאָזיקן גייסט. דאָס אייניקל דאַקעגן, איז געווען אַ שטאַרקער „מחמיר" און שטענדיק געמאַכט די פּראָבלעמען שווערער און מער פאַרפּלאָנטערט. ס'איז אויך אינטערעסאַנט, אַז דער לעצטער איז גאָר געווען אַ גרויסער קעגנער פון קולטור און פילאָזאָפיע, האָט שטרענג פאַרבאָטן צו לייענען ספרים פון אַריסטאָטל און אַנדערע פאַרצייטיקע פילאָזאָפן. ער האָט זיי אָנגערופן כופרים־אַפּיקורסים, וועלכע לייקענען אין גאָט אַלס דער שאַפער פון דער וועלט, און מיט די וועלכע גייען אין זייערע וועגן טאָר מען נישט האָבן קיין מגע ומשא. אָבער ער איז נאָך אַלץ געווען מער אַנטוויקלט, און פרייער ווי די פראַנצויזישע יידישע געלערנטע, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן רמב"ם און זיינע שאַפונגען.

קאַפּיטל אַכצן

די ענדערונג אין דער יידישער שאַפונג

אין סוף 13־טן יאָרהונדערט האָבן זיך אָנגעהויבן צו ווייזן פיל שינויים אין דער יידישער שאַפונג און פאָרשונג. ס'איז נישט צו באַמערקן אין יענער צייט קיין גרויסע, אָריגינעלע ווערק אין דער תלמודישער אָדער רבנישער ליטעראַטור. די חיבורים טראָגן גיכער אַ כאַראַקטער פון געזאַמלטע, פאַר־קירצטע מיינונגען און דינים, וואָס פריערדיקע געלערנטע האָבן געפּסקנט. אָבער עס איז נאָך אַלץ געווען אַ צאָל תלמידי־חכמים, וועלכע האָבן פאַר־בראַכט זייער לעבן אין לערנען, פאָרשן און פאַרשפּרייטן דאָס יהדות צווישן די מאַסן. באַרימט און באַוווּסט איז געווען די פאַמיליע „הענוים", וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן גרויסע געלערנטע, ווי רבינו צדקיה ב"ר אברהם מרומי און זיינע ברידער ר' בנימין, ר' משה און נאָך נאָענטע קרובים. ר' צדקיה איז דער מחבר פון „שבילי הלקט", אַ זאַמלונג פון הלכות און דינים פון פריערדיקע פּוסקים, זייער ווייניק פון אייגענער שאַפונג. קורץ געשריבן, מיט אַ גרויסן אינהאַלט פון פיל שאלות און תשובות, איז דאָס ספר געוואָרן זייער פּאָפּולער צווישן עולם. זיינס אַ קרוב, ר' יחיאל ב"ר יקותיאל, האָט פאַרפאַסט א ספר מיטן נאָמען „תניא", אין אָנהייב פון 14־טן י"ה אויך פון דעם זעלביקן אינהאַלט. מען געפינט אויך א ספר „התדיר" פון ר' משה ב"ר יקותיאל הרומי, מן האדומים (אַ פאַ־מיליע־נאָמען דע־ראָסי). דער תוכן פון זיין שרייבן איז אָן טיפע געדאַנ־קען, אָן נייע סברות; בלויז אַ קיצור פון דינים, אַרויסגענומען פון אַנדערע מחברים. דער „התדיר" האָט זיך אָבער אויסגעצייכנט מיט דעם, וואָס דער מחבר האָט אַריינגעבראַכט דאָרט אַחוץ דינים אויך דרשות, מוסר און אַ ביסל פילאָזאָפיע. אויך עצות פאַרן געזונט, סתם געשפּרעכן, לויט דעם גייסט פון דער צייט, וועגן שטערן און מזלות, צונויפגעמישט מיט אַבערגלויבן, ווי אַזוי „פּותר חלום" זיין צום גוטן.

מען קאָן זאָגן, אַז דער „התדיר" איז געווען פון דער לעצטער רבני־שער שאַפונג אין איטאַליע. תלמודישע וויסנשאַפט האָט דערגרייכט דאָרטן איר העכסטע מדרגה אין 13־טן יאָרהונדערט דורך רבינו ישעיה די־טראַני מיט זיינע חברים. נענטער צום 14־טן י"ה און שפּעטער האָט איטאַליע אָנגעהויבן אַראָפּצוגיין פון דער יידישער וועלט־סצענע. מען מוז אָבער אויך צוגעבן, אַז די פּלוצימדיקע ירידה פון דער יידישער שאַפונג איז פאָרגע־קומען — אפשר נאָך מער, — אין דער זעלביקער תקופה אין אַנדערע לענדער, ווי צ. ב. אין די דייטשע פּראָווינצן און פראַנקרייך, ווו מען האָט אפילו אַזעלכע קליינע ספרים נישט געשאַפן. די בילבולים, רדיפות און אויך מאָרדן, וועלכע האָבן געטראָפן די יידן פון יענע מדינות צוליב דער „שוואַרצער מגפה", וואָס האָט דאָרט געבושעוועט, איז געווען גענוג אָפּצו־שוואַכן די יידישע שאַפונגס־קראַפט. נישט אַזוי שנעל האָט די יידישע איי־ראָפּע געקאָנט צוריקקומען צו איר אַמאָליקער שעפערישער פעיקייט פון לערנען און שטודירן. די געלערנטע אין איטאַליע זענען געווען אין אַ בע־סערע לאַגע זיך צו פאַרנעמען, ווייניקסטנס, מיט זאַמלען די דינים פון די פריערדיקע שאַפונגען אין קליינע ספרים. זייער כוונה איז געווען, אַז מיט דעם וועט תורה און דת נישט אַזוי גיך פאַרשווינדן ווערן פון פאָלק. אָבער, צום באַדויערן, איז זייער לעצטע האָפענונג נישט מקוים געוואָרן און חכמת־ישראל אין איטאַליע האָט זיך שוין מער נישט אַנטוויקלט.

נאָך אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג. אין דער אויבנדערמאָנטער תקופה איז צו באַמערקן בנוגע מוסר און מידות שאַפונגען פאַר די מאַסן. אַחוץ די קליינע ביכער מיטן קורצן אינהאַלט פון דינים, זענען אויך דערשינען אַזעלכע ספרים, וועלכע האָבן געזאָרגט פאַרן מאָראַלישן צושטאַנד פון דער יידישער באַפעלקערונג.

דער מער באַוווסטער פונעם דאָזיקן סאָרט ספרים איז „מעלות המי־דות" פון ר' יקותיאל ב"ר בנימין הרופא, וואָס איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן זיין דור מיט מוסר און האַרבע דיבורים. ער האָט קיינעם נישט נושא פנים געווען, זיך אַליין אַריינגערעכנט, פאַר אָפּטרעטן פון גלייכן יידישן וועג, פון דעם טייל תורה, וואָס לערנט אונדז גוטע מידות און דרך־ארץ. דאָס שרייבן איז רייך אין משלים און מעשהלעך, אַרויסגענומענע פון תנ"ך תלמוד און מדרשים, וואָס מאַכן עס אָנגענעם צום לייענען. דערצו געפינט מען דאָרטן ציטאַטן פון פאַרשידענע פילאָזאָפישע ווערק, געשריבן פון

אלכסנדר מוקדון, קיסר פרידריך דער צווייטער, אַריסטאָטל און אַנדערע רוימישע און גריכישע געלערנטע און שרייבער. ווייזט אויס, אַז דע שרייבער איז געווען גוט באַקאַנט און בקי אין פילאָזאָפיע.

ווייטער ווערן איבערגעגעבן עטלעכע אויסצוגן פונעם ספר, וועלכע זענען זייער אינטערעסאַנט און וויכטיק אַפילו אין אונדזער היינטיקער צייט, איבערהויפּט באַלערנדיק זענען די באַמערקונגען, וואָס ער מערקט אָן בנוגע דעם פאַמיליע־לעבן און באַציונגען צווישן מענטשן.

ער זאָגט: „אייערע פרויען וועלן אייך ליב האָבן נאָר ווען איר וועט זיי ווייזן, אַז איר ליבט זיי ווי זיך אַליין; באַזאָרגט זיי מיט קליידער און צירונג. וואָס זאָלן זיין פיל שענער ווי אייערע; שעצט און זאָרגט פאַר אייערע שכנים, וועלכע קאָנען אייך ברענגען נוצן פיל בעסער ווי אייערע קרובים; גאווה לגבי דעם צווייטן, איז די ערגסטע מידה, וואָס אַ מענטש קאָן באַזיצן, אפילו ווען מען האָט אַ גרונט דערצו; וואָס מער איר וועט אַרויסווייזן ענִיוות און ליבשאַפט צו אייערע נאָענטע, וועלכע קריטיקירן אייך, אַלץ מער וועלן זיי אייך שעצן; ערלעכקייט און גוטע האַנדלונג איז דער סוד פון הצלחה און רייכטום; היט זיך פון טאָן אַן עוולה אָדער אָפּנאַרן עמיצן אין מסחר, אפילו נישט אַ גוי, לויט דעם פאַרבאָט פון די חכמי־התלמוד: „גזל בכרי אסור" — מען טאָר נישט באַרויבן אַ גוי —; לויט דער לערע פון אונדזערע גדולים איז פאַרבאָטן צו באַגנבענען אפילו דעם מענטשס געדאַנק, אַ ייד אָדער אַ גוי צוגלייך".

נאָך אַזעלכע ספרים זענען געשאַפן געוואָרן פאַר מוסר און מידות. און כאָטש מען קאָן זיי נישט פאַרגלייכן מיטן „מעלות המידות", האָבן זיי דאָך געהאַט פיל פאַרדינסטן מיט זייער ווירקונג אויף די מאַסן. די מער באַוווסטע זענען געווען די צוויי ווייטערדיקע ספרים: דער „יסוד היראה" פון ר' בנימין ב"ר אברהם פון דער משפחה „הענוים". דער תוכן איז מוסר און גוטע מידות, געשריבן אויף דעם אופן פון פיוטים, שירים מיט גראַמען לויטן „אלף־בית". נאָכדעם קומט „מחברת הטנא" פון ר' אחיטוב הרופא, געשריבן ווי אַ פּאָעמע לויטן אינהאַלט פון דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע", אָדער ווי „התפת והעדן" פון ר' עמנואל הרומי. ער באַשרייבט אַזעלכע נשמות, וועלכע זוכן זייער תיקון דורך תשובה, כדי צו קאָנען קריגן זייער חלק עולם הבא.

מיט די אויבנדערמאָנטע ווערק האָט זיך כמעט ווי געענדיקט די שאַפנדיקע, בליענדיקע תקופה פון די גרויסע יידישע געלערנטע אין איטאַליע. אין די ווייטערדיקע פרקים וועלן מיר מאַכן אַ פּרוּוו אויסצוגעפינען ווי ווייט דאָס יידישע לעבן אין יענער צייט האָט זיך צוגעפּאַסט צו די פאָדערונגען און שאַפונגען פון זייערע גדולי־הדור.

קאַפּיטל ניינצן

דאָס אינערלעכע, טעגלעכע יידישע לעבן
(אין 13-טן און 14-טן י״ה)

אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך האָבן מיר באַהאַנדלט דעם מצב פון די יידישע געלערנטע, זייער קולטורעלע אויסווירקונג און גייסטיקע שאַפונג. איצט וועלן מיר מאַכן אַ פּרווו אַרויסצוהייבן געוויסע בילדער און שטריכן פונעם אינערלעכן טאָג־טעגלעכן לעבן ביי די ברייטע מאַסן יידן פון איטאַליע אין דער צייט פון זייער גייסטיק־פּראָדוקטיווער תקופה. צום באַדויערן זענען וועגן דעם נישט פאַרבליבן גענוג היסטאָרישע דאָקומענטן און מיר וועלן זיך מוזן באַגנוגענען מיט דעם ווינציקן מאַטעריאַל, וואָס געפינט זיך אין ספרים און מאַנוסקריפּטן צעוואָרפענע אין ביבליאָטעקן.

די פאַרצייכענונגען אין די דאָזיקע מקורות ווייזן, אַז דער סדר פון לערנען אין חדרים און ישיבות אין איטאַליע פון יענער צייט קאָן מען פאַרגלייכן מיט דעם סיסטעם אין די דייטשע פּראָווינצן און אין פראַנקרייך. דער איינציקער חסרון אינעם סדר־הלימוד אין איטאַליע איז נאָר געווען נוגע דעם העברעישן דיקדוק, ווי עס באַמערקט הרב משה קמחי אין זיין ספר „מהלך״. ער זאָגט, אַז דער געלערנטער ר׳ בנימין ב״ר יהודה, אין די צייטן פון ר׳ עמנואל הרומי, האָט אויסגעדריקט זיין פאַרדרוס אויף די יידן אין רוים, וועלכע פאַרנאַכלעסיקן דאָס לערנען פון העברעישן דיקדוק און שאַצן גרינג אַ וויכטיקן טייל פון אַ שפּראַך. דאַקעגן, האָבן זיי געזוכט מיטלען ווי צו פאַרשפּרייטן צווישן די מאַסן די קענטשאַפט פון תנ״ך דורך איבערזעצן עס אויף איטאַליעניש פאַר די, וועלכע האָבן נישט גוט פאַרשטאַנען העברעיש. די איבערזעצונג איז געווען אין אַ קלאָרער, ריינער שפּראַך, וואָס ווייזט, אַז אין איטאַליע האָט מען דעמאָלט נישט באַנוצט קיין „יידישן זשאַרגאָן״, ווי דאָס איז געשען שפּעטער אין פאַרשידענע אַנדערע לענדער. פאַר די, וועלכע האָבן געקענט לייענען דעם „אַלף־בית״, האָט מען

איבערגעזעצט דעם תנ״ך אויף איטאַליעניש מיט העברעישער שריפט. עט־לעכע מאַנוסקריפטן פון דעם מין האָבן זיך געפונען אין דער מינכענער ביבליאָטעק, פאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה. אַ סך האָבן זיך באַנוצט מיט דער דאָזיקער איבערזעצונג (אָנשטאָט דעם אַמאָליקן תרגום), יעדן פרייטיק מעביר צו זיין די סדרה (לייענען די פרשה פון דער וואָך), אַ מנהג וועלכן יידן האָבן אומעטום אָפּגעהיט אין פאַרלויף פון אַ סך דורות.

די גייסטיקע פרייקייט צווישן דעם גרעסטן טייל יידן דאָרט, האָט געהאַט איר השפּעה, נאַטירלעך מער אויפן יונגן דור. ווי נאָר זיי זענען אַריבער די שוועל פון קינדער־יאָרן און אַרויס פון דער חדר־סביבה, האָבן זיי זיך גענומען צום לערנען וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע צוגלייך מיט יידי־שע לימודים, אַ דערשיינונג, וואָס מען האָט זעלטן געטראָפן צווישן דער יידישער יוגנט אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד. די איטאַליענישע יידן האָט מער געצויגן צו תנ״ך־פאָרשונג ווי דאָס איז פּראַקטיצירט געוואָרן אין יענער צייט ביי די גרויסע יידישע געלערנטע פון שפּאַניע. ווען זיי פלעגן זיך דערוויסן, — ווי עס שרייבט ר׳ עמנואל — אַז אַ יידישער געלערנטער פון שפּאַניע פאָרט פאַרביי זייער שטאָט, האָבן זיי זיך גלייך געווענדט צו אים מיט פראַגן וועגן נייע אַנטדעקונגען אין קולטור און פאָרשונג און אויך געבעטן ביי אים די ביכער, וועלכע זיי האָבן נאָך נישט געהאַט די געלעגנ־הייט צו זען ביי זיך אין לאַנד. איבערהויפּט האָבן זיי זיך אָפּגעגעבן מיט פּאָעזיע און נאַטורוויסנשאַפט. זייער ווייניק האָבן זיי זיך פאַראינטערעסירט מיט טעאָלאָגיע און יורי, ווייל די דאָזיקע פּראָפעסיעס זענען אַממערסטן געווען אונטער דער קאָנטראָל פון קריסטן. און כדי אָנצוהאַלטן גוטע באַ־ציונגען מיט די לעצטע, האָט די יידישע יוגנט בעסער זיך גענומען צו דער פּראָפעסיע פון מעדיצין. עס איז אויסגעקומען ווי אַ מין פּשרה, פון אויס־מיידן קאָנקורענץ צווישן די געלערנטע, בעת די קריסטן האָבן זיך באַשעפ־טיקט מיט גרויסע־פּראָבלעמען און יידן מיט מעדיצין. אויך אין טעאָלאָגיע זענען יידן נישט געווען צופיל פאַרטרעטן, ווייל דעמאָלט האָט זיך דאָס גע־רעכנט פאַר אַן אויסגעשפּראָכענער קריסטלעכער פאָרשונג.

דער פרייער גייסט וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אין איטאַליע, פלעגט אָפּטמאָל באַאומרויקן די יידישע פירער. זיי האָבן געזוכט מיטלען ווי צו שאַפן אַ בריק צווישן דת און קולטור; מאַכן דאָס לעבן אָנגענעם דורך פאַרשי־דענע תענוגים, וואָס די געזעלשאַפט אַרום זיי האָט געשאַפן און אין דער

זעלבער צייט זיין שטרענג צו מצוות און דינים פון יהדות. די כוונה איז טאַקע געווען אַ גוטע, אָבער אין פּאַקטישן לעבן האָט דאָס נישט געקאָנט דורכגעפירט ווערן ווי געהעריק. די יידן בכלל, בפרט דאָס יונגוואַרג, זענען נישט געווען קיין צו גרויסע מקפּידים בנוגע רעליגיעזע אָנגעלעגנהייטן. לויט ווי מען געפינט אין עטלעכע ספרים פון יענער צייט, פלעגן אפילו די עלטערע יידן אָפט נישט קומען צו דער צייט צום דאַווענען שבת פרי, און אַמאָל פלעגט טרעפן, אַז ס'איז קיין מנין נישט געווען צו שחרית.

אין ספר „התדיר" מוסרט דער מחבר די, וועלכע האַלטן גרינג אָדער פאַרגעסן גאָר אינגאַנצן צו זיצן אין סוכה. אַזאַ דערשיינונג אין די יאָרן פון מיטלאַלטער איז באמת זייער אינטערעסאַנט. דער יונגער דור האָט זיך געלאָזט ווילגיין מיט טענץ און געזאַנג נישט ווייניקער ווי אין אונדזער מאָדערנער צייט. ר' יעקב ב"ר אבא (אנטאלי) האָט שטאַרק קריטיקירט דעם לוסטיקן עולם; איבערהויפּט האָט ער באַטאָנט, וואָס מען לאָזט פרויען זינגען אין עפנטלעכע ערטער, און אָפט, זאָגט ער, „איז דער אינהאַלט פון די געזאַנגען און געשפּרעכן גאָר נישט מאָראַליש, יידישע טעכטער טאָרן נישט נאָכטאָן זייערע שכנים אין אַזעלכע פאַרדאָרבענע מנהגים". ר' ישעיה בן אליהו האחרון (די־טראני)), וועלכער איז שטענדיק געווען אַ מחמיר, איז גראָד אין דעם פאַל נישט געווען אַזוי שטרענג. וויסנדיק, אַז די פאַרוויי־לונגען זענען געווען זייער פּאָפּולער צווישן עולם, סיי מענער און סיי פרויען, איז ער געווען זיכער, אַז ס'וועט זיין אוממעגלעך עס אָפּצושטעלן. דער בעסטער וועג, זאָגט ער אין זיין ספר, איז צו פאַרמאַכן די אויגן און לאָזן עס גיין מיט דער נאַטור, ווייל די יוגנט וועט אונדז קיינמאָל נישט פאָלגן.

צווישן דער איטאַליענישער באַפעלקערונג, וואָס איז אין איר נאַטור שטענדיק געווען לעבעדיק, לוסטיק, און פול מיט געזאַנג און הומאָר, האָבן זיך דעמאָלט פאַרשפּרייט נייע פאַרווייל לונגען פון שפּילן אין קאָרטן, באַ־לעמס, ביינדלעך אדג"ל. דאָס איז אָנגעגאַנגען נישט צוליב צייט־פאַרטרייב אַליין, נאָר פשוט צו פאַרדינען גרינג געלט, ביז עס האָט אָנגענומען אַ כאַ־ראַקטער פון געפערלעכע רעזולטאַטן. די רעגירונג האָט געזען אין דעם אַ גרויסע סכנה פאַרן עקאָנאָמישן צושטאַנד פון לאַנד און האָט אַרויסגעגעבן שטרענגע געזעצן קעגן שפּילן אין געלט, ספּעציעל קעגן דעם שפּיל מיטן נאָמען: „אישקוקי", וואָס איז געווען זייער פאַרשפּרייט צווישן די מאַסן.

מיר געפינען אין די ספרים „מלמד" און „המזכיר", אַז יידן זענען גראָד

נישט געווען אַזוי אריינגעטאָן אין די דאָזיקע האַזאַרד־שפּילערייען, פונ־ דעסטוועגן האָבן רבנים אַרויסגעגעבן אַ חרם קעגן אַזאַ שפּילן. יידישע מנהי־ גים האָבן מיט דעם געזוכט אַ וועג ווי אָפּצווענדן דעם עולם פון אַזעלכע פאַרווײַלונגען, אפילו ווען זיי קומען פאָר אָן געלט, כדי מען זאָל נישט פאַרקריכן (מיט דער צייט) לויטן ביישפּיל פון די שכנים אויפן וועג פון אַ הפקר־לעבן. נאָר פורים האָט מען דערלויבט צו פאַרברענגען די צייט מיט כלערליי שפּילערייען און קונצן, ווי עס איז צו זען פון דעם ספר „מסכת פורים" פון ר' קלונימוס. ער באַשרייבט דאָרטן, אַז יידן ווי זייערע שכנים, ספּעציעל אין יום־טובדיקע צייטן, האָבן געפּירט אַ רייכן טיש פון עסן און טרינקען. ספּעציעל האָבן זיך אין דעם אויסגעצייכנט, לויט ווי עס גיט אָן „מחברות" פון עמנואלן, די רייכע יידישע פאַמיליעס מיט זייערע קאָסטבאַ־ רע פּאַלאַצן, פול מיט לוקסוס, ווו זיי פלעגן זייער אָפט פראַווען פריילעכע פאַרווײַלונגען.

ק אַ פּ י ט ל צ וו אַ נ צ י ק

יידישע און קריסטלעכע פרויען אין געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן פון 13-טן און 14-טן י״ה

יידישע פרויען אין איטאַליע האָבן גלייך מיט זייערע מענער גענאָסן פון אַ סך פרייהייט אויפן געביט פון קולטור, בילדונג און געזעלשאַפטלעכן לעבן. אַזאַ צושטאַנד איז געווען דער היפוך פון דעם, וועלכער האָט עקזיסטירט אין אַנדערע מדינות, ווו פרויען האָבן זיך דערווייטערט פון אַזעלכע אַקטיוויטעטן. לויט די ספרים „מחברות״ און „המזכיר״, האָבן יידישע פרויען אין איטאַליע זיך אויסגעצייכנט אין ליטעראַטור — איבערהויפּט אין פּאָעזיע. אין רוים איז געווען באַוווסט די פרוי „פולה״ מיט איר וויכטיקער ליטעראַרישער אַרבעט. אין ברעסלער סעמינאַר־ביבליאָטעק געפינט זיך אירס אַ מאַנוסקריפּט, אַן איבערזעצונג מיט פירושים אויפן תנ״ך, וואָס זי האָט פאַרענדיקט אין יאָר 1288. פיל פון די הויך־געבילדעטע פרויען זענען געווען פרום און געהאָלפן שאַפן פאַר פרויען ספּעציעל איבערגעזעצטע מעשיות אין דער לאַנד־שפּראַך פון כתבי־הקודש, מוסר־ספרים, תפילות און תחינות. דערצו באַמערקט ר׳ עמנואל הרומי, אין זיינע שריפטן, אַז די יידישע קולטורעלע פרויען אין איטאַליע האָבן נישט צופיל מקפּיד געווען, ווי דאָס איז געווען אָנגענומען אין אַנדערע מדינות, צו דערווייטערן זיך פון מענערישער געזעלשאַפט. זיי פלעגן זיך צוזאַמענקומען מיט געלערנטע מענער פון זייער גלייכן און פאַרברענגען די צייט אין דיסקוסיעס און געשפרעכן וועגן וועלט־פראַגן, קולטור און ליטעראַרישע פּראָבלעמען.

די רייכערע פרויען פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג דאַקעגן, זענען געווען פאַרטאָן אין אַ לעבן פון לוקסוס. מען פלעגט זייער פיל אויסגעבן אויף כלערליי טייערע קליידער, צירונג, עסן, טרינקען, פאַרוויילונגען אדג״ל. די רעגירונג איז געווען געצוווּנגען צו שאַפן געזעצן קעגן דעם הפקר־לעבן פונעם עולם. אין אַפּריל 1330 האָט די רעגירונג פון פלאָרענץ

אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, ווי לאַנג עס דאַרפֿן זיין די שלעפּעס פֿון פֿרויען־קליידער און אויך וויפֿל צירונג זיי קאָנען טראָגן אויף זיך, אַרויסגייענדיק אין גאַס. דאָס זעלביקע איז פֿאָרגעקומען אין נאָך אַנדערע געגנטן, מיט געוויסע ענדערונגען, לויטן געשמאַק פֿון די געזעצגעבער. אָבער די אַלע באַשרענקונגען האָבן קיין סך נישט געהאָלפֿן, די פֿרויען האָבן געטאָן זייער האַרץ האָט געגלוסט. עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז מיט איבער הונ־דערט יאָר שפּעטער, — לויט אַלע דאָקומענטן — האָבן נאָך אַלץ בישאָפֿן אין פֿיל ערטער געהאַלטן אין מוסרן די פֿרויען, וועלכע באַווייזן זיך אין גאַס, אין עפֿנטלעכע פּלעצער און אפֿילו אין קירך מיט זייערע טייערע קליידער, צירונג, געפּאַרבטע פּנימער, וואָס פֿאַרדאַרבן דעם יסוד פֿון אָנשטענדיקייט און צניעות. די זעלביקע טענות האָבן זיי אויך געהאַט צו די מענער, וועלכע פֿלעגן פֿאַרשווענדן צופֿיל געלט אויף טייערע מלבושים און פֿאַרשידענע גרעלע קאָלירן, מיט וועלכע יעדער האָט געשטרעבט זיך גרויס צו האַלטן און אַרויסרופֿן קנאה ביים צווייטן.

ווייזט אויס, אַז אויך יידן האָבן אין אַ געוויסער מאָס נאָכגעטאָן זייערע שכנים אין באַצוג צו מאָדעס און קליידונג, פֿון מענער און פֿרויען. עמנואל הרומי אין „מחברות״ און ר׳ קלונימוס אין „מסכת פּורים״ זענען אַרויסגעטראָטן קעגן דער פֿאַרשווענדונג פֿון פֿיל געלט אויף צו באַקליידן זיך מיט קאָלירטע מלבושים, צירונג און טייערע שטיינער, איבערהויפּט זענען זייערע באַמערקונגען געווען געווענדט צו פֿרויען, וועלכע פֿלעגן אויסגעבן געלט אויף צופֿיל קליידער, כדי זיך אויסצושטעלן פֿאַר די שכנים, נישט אַכטנדיק דערויף, אַז מיט דעם לײַדיקן זיי אויס די קאַסעס פֿון זייערע מענער (אַזוי האָבן זיי זיך אויסגעדריקט).

עס איז דעמאָלט געווען אַ מאָדע פֿאַר מענער צו טראָגן שמאָלע הויזן מיט קורצע רעקלעך. האָבן זיך געפֿונען יידן, מוסר־זאָגערס, ביי וועל־כע עס איז אויסגעקומען, אַז אַזעלכע בגדים זענען נישט צניעותדיק און קעגן דעם יידישן גייסט. אַ ייד, זאָגן זיי, ווען ער ווייזט זיך אין גאַס, דאַרף זיין אָנגעטאָן אין לאַנגע מלבושים, וואָס זאָלן פֿאַרדעקן זיין קערפּער. צו די פֿרויען האָבן זיי גאָר געהאַט באַזונדערע טענות, איבערהויפּט צו די יונגע מיידלעך, וועלכע האָבן זיך אָנגעטאָן אין די שענסטע, טייערסטע קליידער און צירונג, כדי צו געפֿעלן די רייכע בחורים. אָט די בתולות, זאָגן זיי, נע־מען נישט אין באַטראַכט, אַז די דאָזיקע בחורים מיט זייער גאַנצן רייכטום

אונדזערע געלערנטע פון יענער צייט זענען געווען באַזאָרגט אַז יידן שער באַפּעלקערונג.

קאָנען גאָר שטיין אויף אַ נידעריקן מצב פון דערציִונג און קולטור און מיט דער צייט וועט עס שלעכט ווירקן אויפן פאַמיליע־לעבן.

אָבער צום שבח פון די יידישע פרויען אין יענער צייט זענען פאַראַן היסטאָרישע באַשטעטיקונגען ווי אין דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע" און זאָלן זיך נישט אָפּלערנען די שלעכטע מידות פון דער אַרומיקער געזעל־שאַפט. צום ביישפּיל, אינעם באַוווּסטן מאַנוסקריפּט „מנהגים", וואָס געפינט אויך ביי אַנדערע שרייבער, אַז זיי זענען אין פאַמיליע־אָנגעלעגנהייט מאָ־ראַליש געשטאַנען פיל העכער ווי זייערע שכנים. בכלל איז געווען אַ גרויסער אונטערשיד אינעם מאָראַלישן מצב צווישן דער יידישער און איטאַליעני־זיך אין אַ ווינער ביבליאָטעק, ווערט אויסגערעכנט אַ צעטל פון פאַרשי־דענע קליידער, וועלכע ווערן געשטעמפּלט אַלס „גאווה־מלבושים", וואָס פּאַסן זיך נישט אינגאַנצן פאַר יידן. מיר וועלן דאָ אויסרעכענען נאָר אַ קליינעם טייל פון דעם: אַן אויבערמאַנטל דאַרף זיין נאָר מיט איין אַרבל, כדי מען זאָל קאָנען בעסער זיך אַרומוויקלען און פאַרדעקן דעם גאַנצן קער־פּער. אין וואָכעדיקע טעג זאָל מען טראָגן דיקע, וואָלענע בגדים, אָבער שבת און יום־טובים דאַרף מען זיך אָנטאָן אין דינע זיידענע קליידער. די שיך זאָלן זיין גאַנצע, נישט ווי די דעמאָלטיקע גויאישע מאָדע מיט אַ שפּאַלט אין צענטער.

מען האָט געשטרעבט צו ענדערן און באַגרענעצן די מאָדעס פון פרויען־קליידער.

קאַפּיטל איינאונצוואנציק

דער צושטאַנד פון אַבערגלויבן און מאָראַל צווישן דער אַלגעמיינער און יידישער באַפעלקערונג

אַן אומגעוווּנטשענע דערשיינונג פון אַבערגלויבן, כישוף, סגולות אדג״ל, האָט זיך דעמאָלט באַוויזן צווישן דער איטאַליענישער באַפעלקערונג און אין אַ געוויסער מאָס אויך משפיע געווען אויף אַ טייל פון די יידישע מאַסן. דער זעלביקער צושטאַנד איז אויך געווען צו באַמערקן אין פראַנקרייך און אין די דייטשע פּראָווינצן, אָבער אין איטאַליע איז דאָס געווען אויף אַ גרויסן מאָסשטאָב און געשלאָגן טיפע וואָרצלען אינעם אַל־געמיינעם לעבן. מען האָט געגלייבט, אַז שטערן און מזלות קאָנטראָלירן דאָס לעבן פון מענטשן אין פאַרשידענע צייטן פון יאָר און באַשטימען וועלכע שעה׳ן אָדער טעג זענען מער מזלדיק אָנצוהייבן אַ מסחר, פּיינט אָדער ליב האָבן עמיצן...

אין דער קאַטוילישער רעליגיעזער ליטעראַטור געפינען זיך פיל מעשיות וועגן שדים און רוחות־רעות, פול מיט אַבערגלויבן און פאַנטאַזיעס. די געשיכטע, למשל, פון „אַרמילוס״ אָדער „ווירגיליוס״, וואָס ווערט דער־ציילט אין פאַרשידענע נוסחאות. מען שטעלט פאָר ווי אַ מאַן מיט די אויבנ־דערמאָנטע נעמען האָט אויסגעהאַקט פון אַ טייערן מערמלשטיין אַ סטאַטוע פון אַ שיינער, נאַקעטער, זינדיקער פרוי און עס אויפגעשטעלט אין א הויפּט־גאַס פון רוים. פאַרשידענע מיינונגען פון שרייבער זענען אויסגעדריקט געוואָרן וועגן דעם בילד — יעדער לויט זיין אויפפאַסונג און געשמאַק. עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס זענען געווען ווי פאַרשיכורט פון דער ווילדער פאַנטאַזיע און געזען אינעם בילד אַ געטלעכע דערשיינונג. אָבער די אינטעלעקטואַלן האָבן עס שטאַרק פאַרדאַמט, ווייל עס זענען פאָרגע־קומען פיל שענדלעכע און מיאוסע טאַטן אַרום דער סטאַטוע, וואָס זענען גאָרנישט פּאַסיק איבערדערציילט צו ווערן.

עס איז צו באַוווּנדערן, אַז עטלעכע יידישע געלערנטע זענען מיט־געגאַנגען מיטן שטראָם פון אַבערגלויבן און נאָכגעטאָן דעם גויאישן עולם. אַפילו די אויבנדערמאָנטע מעשה מיט דער סטאַטוע פון דער פּרוי האָט אויף פאַרשידענע אופנים באַווירקט זייער פאַנטאַזיע. אין דער מינכענער ביבליאָטעק האָט זיך אָפּגעפונען אַ כתב־יד, וואָס דערציילט ווי דער יידי־שער געלערנטער אברהם סאַרטיאַנו באַזינגט דאָס בילד פון אַ רעליגיעזן שטאַנדפּונקט. אויך גרעץ, צונץ, יעלינעק און אַנדערע היסטאָריקער דער־מאָנען אין זייערע שריפטן דאָס בילד און די מעשיות, אַרויסגענומענע פון אַלטע דאָקומענטן אין ביבליאָטעקן. איינער פון די געלערנטע, זאָגן זיי, האָט זיך אויסגעדריקט, אין זיין פאַנאַטישן גלויבן, אַז גאָט אליין האָט באַ־שאַפן דאָס בילד, נאָר די גויים האָבן עס מטמא געווען, אָנרופנדיק דעם באשאפער ארמילוס אָדער ווירגיליוס.

די יידן וועלכע האָבן געגלויבט אין שדים, כישוף, קמיעות און ענ־לעכע נאַרישקייטן, פלעגן אָפט פאַרפלאָנטערן די שפּראַך און אויסדרוקן. די קריסטן, למשל, האָבן זיך באַנוצט מיט העברעישע אותיות און ווערטער אין זייערע צעטלעך און קמיעות פאַר סגולות, כדי מיט דעם צו געבן אַ שטאַרקערע באַדייטונג און חשיבות צום גלויבן אין זייער אמת. ביי די אבערגלויביקע יידן, באַמערקנדיק די העברעישע שריפט אויף די קמיעות און נישט וויסנדיק דעם פירוש דערפון, האָט זיך נאָך מער צעשפּילט די פאַנטאַזיע פון מיסטיציזם און זיי האָבן ממש געגלויבט אין דעם ווי אין אמתע רפואות פאַר קראַנקייטן. מאַטעריאַלן וועגן דעם געפינען זיך אין דער מינכענער ביבליאָטעק.

די דערשיינונג, וואָס אַזעלכע געלערנטע ווי ר׳ יחיאל ב״ר יקותיאל, מנחם מ׳ריקאַנט און ר׳ ישעיה הזקן די־טראַני האָבן געגלויבט אין ענינים פון כישוף, איז טאַקע באמת געווען אַ טונקעלער פלעק אויף דער יידישער גע־זעלשאַפט אין איטאַליע. צום גליק, אָבער, זענען זיי געווען פאַראיינצלטע אין פאַרגלייך מיט די פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. פאַר די לעצטע איז די רעגירונג געווען געצוווּנגען צו שאַפן ספּעציעלע געזעצן און אַרויס־לייגן שטראָפן אויף די, וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט סגולות, קמיעות און כישוף־אַקטן.

דאַקעגן וועט זיין אינטערעסאַנט צו באַמערקן אַן אנדערע דערשיי־נונג, וואָס איז געווען צום כבוד פאַרן יידישן עולם: דער אוממאָראַלישער

צושטאַנד צווישן די אַלגעמיינע מאַסן פאַרנעמט אַ וויכטיקן טייל אין דער געשיכטע פון איטאַליע. דאָס פאָלק, איבערהויפּט די רוימער, האָט זיך אַריינגעלאָזט אין הולטייסטווע און עראָטיק. לויט זייערע אייגענע היסטאָריקער און שרייבער, ווי אַנטאָניוס די־ווירצילי מיט זיינע חברים דערציילן, זענען די דאָזיקע פרעכע מעשים פאָרגעקומען אין הייליקע ערטער פון דער קירך אָן שום בושה. אַ שרייבער, מאססיציא גואַרדאַטאַ די־סאַלערנאַ האָט דירעקט באַשולדיקט די געהויבענע גלחים, אַז זיי אַליין זענען נישט בעסער ווי די פּראָסטע מענטשן מיט זייערע שמוציקע טאַטן. ער זאָגט, „הלוואי וואָלט גאָט אָפּגעשאַפט דעם גיהנום, וואָלטן דאַן די גלחים נישט געקאָנט זיך באַנוצן מיט דעם שרעקן דעם עולם און קריגן גוט באַצאָלט פאַר זייערע דרשות. זיי וואָלטן דעמאָלט געווען געצוווּנגען צו לעבן פון זייער אייגענער פּראַצע״. ווי די קריסטלעכע שרייבער אַליין באַמערקן, זענען די יידן געווען אויסגעשלאָסן פון אַזעלכע באַשולדיקונגען. די הפקר־מעשים פון די קריסטלעכע איינוווינער אין רוים האָבן נישט געהאַט קיין פּלאַץ צווישן די יידן.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

די באַציונגען צווישן יידן און זייערע שכנים

די חייטערדיקע היסטאָרישע פאַקטן האָבן מיר שוין טיילוויז באַרירט אין קורצע שטריכן. אייניקע פון זיי — ווי יידן אין איטאַליע האָבן געלעבט מיט זייערע שכנים אין דער אויבנדערמאָנטער תקופה — וועלן מיר איצט אַרומרעדן מיט מער פּרטים.

אויפן קולטורעלן געביט איז געווען זייער אַ נאָענטע און פריינדלעכע פאַרבינדונג צווישן די יידישע און קריסטלעכע געלערנטע. די דאָזיקע דערשיינונג איז געווען דער היפּוך פון דעם צושטאַנד, וואָס האָט געהערשט אין מיטלאַלטער אין שפּאַניע און פראַנקרייך. דאָרט האָט זיך אַ וויכוח וועגן רעליגיע און פילאָזאָפיע שטענדיק פאַרענדיקט מיט קנאה און פיינטשאַפט פון דעם צד וואָס האָט פאַרלוירן. מען איז געווען גרייט צו נעמען נקמה איינער פונעם צווייטן, איבערהויפּט ווען אַ ייד האָט מנצח געווען. אין איטאַליע זענען די אַלע דיסקוסיעס פאַרגעקומען פריי פאַר יעדן צד אויסצודריקן זיין געדאַנק און מיינונגס־אויסטייטשונג, קלאָרער צו מאַכן זיין איבערצייגונג און דורכשמועסן זיך מיט אַ קעגנער. אָבער די מאָטיוון זענען אין קיין שום פאַל נישט געווען צוליב איבערצייגן דעם צווייטן צד, אַז ער זאָל בייטן זיין רעליגיע.

עס פלעגן פאָרקומען לאַנגע וויכוחים, אוןביידע צדדים האָבן אָפט באַווירקט איינער דעם צווייטן מיט זייער געדאַנקענגאַנג. צוויי מחברים האָבן דעמאָלט אָנגעשריבן עטלעכע ספרים פון פראַגן און ענטפערס ווי אַזוי זיך צו באַגיין אין דיסקוסיעס מיט פאָרשטייער פון אַנדערע רעליגיעס. דאָס באַווייזט, אַז די אַלע וויכוחים האָבן פאַרנומען אַ גרויסן פּלאַץ אין יידישן קולטורעלן לעבן. ר׳ משה ב״ר שלמה פון סאַלערנאָ האָט פאַרפאַסט צוויי ספרים: „מאמר התבונה״ וואָס איז שוין לאַנג פאַרלוירן געגאַנגען און נאָר אויסצוגן פון אים געפינען זיך אין געוויסע רבנישע ספרים, און „טענות״

א כתב־יד וואָס געפינט זיך אין ברעסלאַוער ביבליאָטעק. דאָס וויכטיקסטע בוך איז דער חיבור פון ר׳ שלמה ב״ר משה ב״ר יקותיאל הרומי מיט פאַר־שידענע נעמען: „מלחמת ה׳״, „שאלות ותשובות״ און „עדות ה׳ נאמנה״. דאָס ספר געפינט זיך אין דער מינכענער ביבליאָטעק אַלס מאַנוסקריפּט נומער 312 און אויך אין ווין. די איבערשרייבער פון כתב־יד האָבן געגעבן אַ נאָמען, יעדער לויט זיין געשמאַק, נאָר די הקדמה איז אָפּגעדרוקט געוואָרן דורך דעם „בית המדרש״ פון ד״ר ווייס אין ווין אין יאָר 1865. אין דעם דאָזיקן ספר ווערט אויסגערעכנט אַ גרויס צעטל פון תקנות, ווי מען זאָל פירן וויכוחים וועגן דת מיט פאָרשטייער פון אַנדערע אמונות. מיר וועלן דאָ איבערגעבן נאָר עטלעכע פון זיי. עס זאָגט זיך דאָרט, אַז בכלל זאָל מען זיך נישט יאָגן צופיל נאָך דיסקוסיעס וועגן אמונה. און ווען עס איז פאַראַן אַ נויטווענדיקייט אין דעם, זאָל מען עס מאַכן קורץ און שאַרף, איבערהויפּט מיט די מאָנאַכן, ווייל זיי זענען איבערגעשפּיצט און זוכן שטענדיק אַ וועג ווי אַריינצוכאַפּן עמיצן אין דער נעץ. מען זאָל זיך היטן פון די פּערזאָנען, וועלכע זענען אָרעם אין וויסנשאַפט, בעלי־גאווה, מענטשן מיט אַ נידעריקן כאַראַקטער אָדער באַוווּסטע יידן־פיינט, ווייל מיט אַזעלכע קאָן מען קיינמאָל נישט קומען צו אַ בכבודיקן אויסגלייך. „אויב דו טרעפסט זיך דורך אַ צופאַל מיט איינעם אין גאַס, פיר נישט מיט אים קיין וויכוחים. אַזעלכע זאַכן דאַרפן געטאָן ווערן מיט אַ גרויסן ישוב־הדעת און דורך אויסקלייבן די געלערנטע, וועלכע זוכן דעם אמת און באַזיצן די קראַפט פון געדולד. אין דיסקוסיעס זאָלסטו נישט ווייזן די שלעכטע אָדער פאַלשע זייטן פון צווייטנס גלויבן, נאָר זע אויסצוטייטשן מיט לאָגישע דערקלערונגען ווי אַזוי די פּרינציפּן פון אונדזער תורה זענען אמת, כדי ער זאָל אויך גלייבן אין זיי אָדער אַמווייניקסטנס עס אָנערקענען״.

אין אָנהייב פון בוך איז דערמאָנט געוואָרן דער יידישער חכם ר׳ שבתי דאָננאָלאָ פון 10־טן יאָרהונדערט און זיינע פאַרבינדונגען מיט איטאַ־ליענישע קולטור־מענטשן. עס זענען אויך פאַררעגיסטרירט געוואָרן נאָך אַזעלכע, איינצלנע פאַלן. אָבער אין דער שפּעטערדיקער תקופה, די צייט פון וויסנשאַפט און דערוואַכונג אין איטאַליע, זענען אַזעלכע דערשיינונגען פאָרגעקומען אין אַ פיל גרעסערן פאַרנעם. אין הויף, למשל, פון קיסר פרידריך דעם צווייטן האָבן זיך געפונען צוויי געלערנטע: דער ייד יעקב ב״ר אבא אַנטולי און אַ קריסט — מיכאל שקיטום. זייער בשותפותדיקע

ארבעט אויפן געביט פון וויסנשאַפט און קולטור, האָט זיי שטאַרק פאַר־בינדן, ווי אמתע חברים און ידידים, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין זייער שרייבן. דער קריסט האָט פיל געלערנט פון ר׳ יעקבן אין דער העב־רעישער שפּראַך און ליטעראַטור. דער לעצטער האָט מיט זיין ענִיוות נישט געמאַכט קיין גרויס וועזן פון דער הילף צו זיין קריסטלעכן פריינד. אין זיין ספר „מלמד התלמידים״, רעדט ער מער וועגן דעם וואָס ער האָט געלערנט פון חבר מיכאל אין אַזעלכע ענינים ווי נאַטורוויסנשאַפט וכדומה.

ר׳ משה ב״ר שלמה דערציילט אין זיין ספר „טענות״, ווי ער איז געווען באַפריינדעט מיט קריסטלעכע געלערנטע. איבערהויפּט איז ער געווען מקורב מיט איינעם וועלכן ער האָט אָנגערופן „החכם הנוצרי״ און געלערנט מיט אים צוזאַמען דעם „מורה הנבוכים״. זיין נאָמען איז געווען ניקאָלעס די־פּליאה (פּאַגאַליאַ) פון גיא ווינאצי, א באוווסטער רעדנער, וועלכער פלעגט אַרומפאָרן אלס שליח אין פיל שטעט אין נאָמען פון דער קאַטוילי־שער קירך. וועגן אים האָט זיך ר׳ משה אויסגעדריקט, לויט דעם כתב־יד אין דער מינכענער ביבליאָטעק, נומער 370, „החכם הנוצרי שנתחברתי עמו״ — דער קריסטלעכער געלערנטער, מיט וועמען כ׳האָב זיך באַפריינ־דעט. אַזאַ פריינדשאַפט צווישן ייד און קריסט האָט געקאָנט דעמאָלט פאָר־קומען נאָר אין איטאַליע, ווו די באַפעלקערונג איז געשטאַנען אויף אַ הויכן קולטור־שטאַפּל. צו זיי קאָן מען נאָך אַמאָל איבערחזרן בקיצור די נעמען פון יידישע געלערנטע, וועלכע האָבן זיך געחברט מיט קריסטלעכע פריינד: ר׳ עמנואל הרומי מיט דאַנטען און זיינע חברים, די חכמים ר׳ הלל ב״ר שמואל, ר׳ יהודה ב״ר שלמה הכהן, ר׳ יהודה ראמאני און נאָך אַנדערע, וועלכע זענען געווען גרויסע מקורבים מיט די קיסרים פרידריך דעם צווייטן און קאַרל דעם ערשטן.

קאַפּיטל דרייאונצוואַנציק

די טונקעלע מאָמענטן אין יענעם פּעריאָד

דאָס יידישע לעבן אין איטאַליע פלעגט אַמאָל, אפילו אין די גוטע צייטן צעשטערט ווערן צוליב געוויסער קנאה פון דער קירך. די לעצטע האָט געשטרעבט אויסצונוצן דאָס פירן דיסקוסיעס צווישן קריסטן און יידן, נישט אין גייסט פון וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעמען, נאָר כדי צו געווינען נייע נשמות פאַרן קריסטנטום. דער דאָזיקער צושטאַנד, אין פאַרלויף פון דורות, האָט געהערשט אין געוויסע געגנטן לויט דעם ווונטש פון די קירך־פאָרשטייער אָדער דעם קעניג, ביי וועלכן דער שטאַרקער גייסט פון אמונה האָט דערוועקט אומטאָלעראַנץ. אין יאָר 1270 האָט דער פּויפּסט ניקאָלאַס דער דריטער דערלויבט זיינע מאָנאַכן צו צווינגען די יידן אין לאָמבאַרדיע, אַז זיי זאָלן קומען און הערן זייערע נאַרישע דרשות, כדי פּרוּוון אַריינצוכאַפּן אַ נייע יידישע נשמה. דער פּויפּסט קלעמענס דער פינפטער האָט אין יאָר 1320 געשאַפן ספּעציעלע אָפּטיילונגען פאַר העברעיש אין זיינע אַקאַדעמיעס, כדי גלחים זאָלן זיך לערנען די שפּראַך און ליטעראַטור. דער איינציקער ציל דערביי איז געווען, אַז זיי זאָלן אימשטאַנד זיין צו פירן דיסקוסיעס מיט יידן וועגן אמונה מיט מער דערפאָלג.

ר' משה שטיינשניידער דערציילט אין זיינע שריפטן וועגן זייער אַן אינטערעסאַנטן פאַקט, וואָס איז פאַרגעקומען פיל שפּעטער, בערך אין 15־טן יאָרהונדערט: אַ פּויפּסט האָט זיך שטאַרק געוואונדערט, וואָס די גרופּע יידן, וועלכע מען האָט געצוווּנגען זיך צוהערן צו די דרשות פון זיינע גלחים, פלעגן קוקן די בעל־דרשנס אין פּנים און גאָרנישט נתפּעל ווערן פון די אָנפאַלן אויפן יידישן דת. צום סוף איז מען דערגאַנגען, אַז די יידן פלעגן פאַרשטאָפּן זייערע אויערן מיט וואַטע. נאָכדעם איז אַרויס אַ באַפעל, אַז איידער די פאַרזאַמלונג הייבט זיך אָן, זאָל מען פריער בודק זיין זייערע אויערן און אַרויסנעמען די וואַטע. אין פאַרלויף פון די דרשות פלעגן די

אויפזעער אָפּהיטן די ייִדן, כדי צו זיין זיכער, אַז זיי הערן די פּלאַפּלעריי. דאָס אַלץ באַשטעטיקט, אַז אין דער דאָזיקער תקופה, וועלכע מיר באַהאַנדלען דאָ, זענען די באַציונגען צום יהדות פּאָרט געווען מער טאָלעראַנט, אפילו דאַן, ווען די קירך האָט זיך באַמיט אַריינצוציען ייִדן צום שמד.

ווי באַוווסט זענען אין פאַרלויף פון פיל דורות משומדים אומעטום געווען ווי אַ מכה אויפן ייִדישן קערפּער. אָבער אין איטאַליע האָבן זיי דעמאָלט קיין באַדייטונג נישט געהאַט. די מערסטע פון זיי האָבן זיך צוריקגעקערט צום יהדות. אויף דעם זאָגן עדות די קריסטלעכע היסטאָריקער פּעטראָ און דאָלינגער. אין זייערע שריפטן פלעגן זיי האָבן אַ שפּריכוואָרט: „יעדער משומד אין רוים ווערט צוריק אַ ייִד". די, וועלכע זענען געבליבן ביי זייער נייער אמונה, האָבן נישט געשפּילט קיין גרויסע ראָל אין דער געזעלשאַפט, און די מערסטע פון זיי זענען געווען פאַררעכנט אַלס שוטים און אומוויסנדיקע. דער קלאַסיקער פּאָדזשיאָ האָט זיך געלערנט העברעיש ביי אַ משומד און ער דערציילט אין זיינע שריפטן, אַז זיין „רבי" איז געווען אַ נאַר און „עם הארץ" אין וויסנשאַפט. נאָר עטלעכע משומדים, וועלכע האָבן געוווסט ווי איינצושטעלן גוטע באַציונגען מיט דער הויכער קריסטלעכער געזעלשאַפט, זענען געוואָרן רייך און דערגרייכט וויכטיקע פּאָסטנס אין דער רעגירונג. אָבער בדרך כלל איז זייער ווירקונג אויף דער באַפעלקערונג געווען קליין און ייִדן זענען געווען אויסער דער געפאַר פון ליידן צוליב זיי. די משומדים האָט מען לחלוטין אָפּגעטיילט אַלס אַ באַזונדערע סעקטע און דער אינטערעס צו זיי איז געווען אַ מינימאַלער.

קאַפּיטל פֿירונצוואַנציק

ייִדן אין דער מעדיצינישער פּראָפֿעסיע

ייִדישע דאָקטוירים אין דעם דאָזיקן פּעריאָד האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין איטאַליע און פֿאַרנומען אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער געזעלשאַפֿט. דאָס האָט אויך געווירקט, אַז די באַציונגען צווישן ייִדן און קריסטן זאָלן זיין זייער פֿריינדלעכע. אמת, אַז טיילמאָל פֿלעגן ייִדישע דאָקטוירים פֿילן דעם צאָרן פֿון קריסטלעכע דאָקטוירים, וועלכע האָבן געקוקט אויף זיי ווי אויף קאָנקורענטן אין פּרנסה. אויך די פֿירערשאַפֿט פֿון דער קירך האָט צוליב קנאה געזוכט, אין געוויסע צייטן, צו באַאיינפֿלוסן די קריסטן, אַז אלס גלויביקע זאָלן זיי נישט האָבן צופֿיל צוטרוי צו די ייִדישע דאָקטוירים. אָבער אין סך־הכל האָבן די אַלע פֿאַקטאָרן נישט געהאַט קיין גרויסע ווירקונג אויף די קריסטלעכע פּאַציענטן, וועלכע האָבן פֿאָרט געזוכט הילף ביי די ייִדישע רופֿאים. די לעצטע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער גרויסן וויסן אינעם מעדיצינישן פֿאַך. זיי האָבן אויך געוווּנען פּאָפּולאַריטעט מיט גוטער באַהאַנדלונג און עצות פֿאַר די פּאַציענטן. דעריבער האָבן פֿיל קריסטן, אפֿילו די פֿרומסטע, ווי אויך גלחים, געגעבן דעם פֿאָרצוג די ייִדישע דאָקטוירים. וואָס מער די אָפּאָזיציע קעגן ייִדישע דאָקטוירים האָט זיך פֿאַרשטאַרקט, אַלץ מער האָבן זיי, דורך לערנען, שטודירן און פֿאָרשן, זיך אַנטוויקלט, און דער אַנדערער צד האָט זיי נישט געקאָנט בייקומען.

אין „ספֿר הישר״, אַ מעדיציניש בוך, וואָס געפֿינט זיך אַלס מאַנוסקריפּט נומער 64 אין דער ווינער ביבליאָטעק, זענען פֿאַראַן פֿיל אָפּהאַנדלונגען ווי אַזוי מען זאָל זיך באַגיין מיט קראַנקע, איבערהויפּט נישט־ייִדישע. עס ווערט דאָרט באַטאָנט, אַז אַ ייִד זאָל שטענדיק אָננעמען פֿאָרזיכטיקע שריט און פֿאַר קיין פֿאַל זיך נישט אונטערנעמען צו היילן אַ קריסט, סיידן ער איז זיכער און ווייסט אין וואָס די קראַנקייט באַשטייט און קען די רפֿואות צו איר. דורך אַזאַ סיסטעם און פֿאַרשטענדעניש האָבן

יידן איבערן לאַנד געהאַט די אויבערהאַנט אין דער מעדיצינישער פּראַ־פּעסיע, באַציענדיק זיך צו אַלעמען גלייך: אָרעמע, רייכע, גייסטלעכע און רעגירונגס־באַאמטע.

דער פּויפּסט באָניפּיציוס דער נײַנטער, האָט אין יאָר 1390 באַפרייט עטלעכע פון זיי מיט זייערע פאַמיליעס, פון בירגערלעכע אָפּצאָלונגען און אויך געגעבן זיי פיל אַנדערע רעכט. מען קאָן פאַרצייכענען נאָך אַזעלכע פאַלן פון גרויסער אָנערקענונג און כבוד, וואָס יידישע רופאים האָבן באַקומען מצד דער רעגירונג. דעם דאָקטאָר ליאָן האָט מען דערלויבט זיך צו באַשעפטיקן מיט מעדיצין אין ווענעדיק און אים אויך באַפרייט פון דעם פאַרפליכטנדיקן רעגירונגס־עקזאַמען. חיים איזאַקי פון אלגהירו האָט זיך קונה־שם געווען מיט זיינע רפואות ביי דער שטאָט־רעגירונג, ביז וואַנען מען האָט אים אַרויסגערופן אין אַ צווייטער שטאָט, ווו ער האָט זיך דער־וואָרבן נאָך מער כבוד, נישט אַכטנדיק אויף דער שעדלעכער אַגיטאַציע מצד די שונאים.

קאַפּיטל פינפאונצוואנציק

האַנדל און אַרבעט ביי יידן אין 13-טן און 14-טן י״ה

די יידן אין איטאַליע האָבן דעמאָלט גענאָסן פון אַלע רעכט און פריי־הייטן אין מסחר און ארבעט. די דאָזיקע דערשיינונג איז גראָד געווען אין קעגנזאַץ צו דער לאַגע פון די יידן אין אַנדערע אייראָפּעישע לענדער, ווו זיי פלעגן זיך אָנשטויסן אויף דיסקרימינירנדיקע געזעצן בנוגע האַנדל און אַרבעט. ניט נאָר וואָס זיי האָבן אין איטאַליע געהאַט אַ פרייע האַנט בנוגע פאַרשידענע מלאכות און קונסט, נאָר אין פיל הינזיכטן האָבן זיי זיך אויך אויסגעצייכנט בעסער ווי זייערע שכנים. די רעגירונג אַליין, זעענדיק זייער פלייסיקייט, האָט זיי דערמונטערט און געהאָלפן אין זייערע אונטערנעמונגען — לויט די ווערטער פון טאָמאַס די־אַקווינאָס, דער הויפּט־פאַרשטייער פון דער קאַטוילישער קירך. פון דעמאָלט אָן זענען געוויסע פאַכן געלעגן אויסשליסלעך אין יידישע הענט, וואָס איז געווען אַ גרויסער קוואַל פאַר זייער פרנסה אויך אין די שפּעטערדיקע דורות.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז כמעט די גאַנצע אינדוסטריע פון אויס־אַרבעטן אייזן, איז דעמאָלט געווען אַ יידיש פאַך. אין דער פּראָווינץ סאַר־דיניע האָבן יידן זיך אויסגעצייכנט אין די אינדוסטריעס פון גאָלד, קופּער, וועבעריי, שלאָסעריי אדג״ל. דערצו נאָך האָבן זיי זיך באַשעפטיקט מיט בויען הייזער, האָלץ־שניידן און גראָבן קוילן אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב. די דאָזיקע אַרבעט איז געווען אין אזא פארנעם, אַז די רעגירונג איז געווען געצוווּנגען צו פארבאָטן עס אין די קריסטלעכע פייערטעג, כדי ניט צו שטערן די רו פון דער ניט־יידישער באַפעלקערונג. יידן האָבן אויך פאַרנומען אַ גרויס אָרט אין די זייד־געשעפטן, דורך דעם וואָס זיי פלעגן אויסבאָרגן געלט די פויערים, און די לעצטע האָבן דעריבער פריער געבראַכט צום פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן צו די יידן. אויף דעם אופן איז אויסגעקומען, אַז זיי האָבן קאָנטראָלירט דעם גאַנצן מאַרק פון זיידנס. אין פאַרלויף פון דער דאָזיקער

צייט האָט עס אַרויסגערופן פיל קנאה ביי די קריסטלעכע קאָנקורענטן, און יידן פלעגן אָפט ליידן פון פאַרשידענע מסירות, וואָס האָט זיי טייל־ווייז געשטערט אין זייערע מסחר־אונטערנעמונגען. אָבער די מערסטע קריסטלעכע היסטאָריקער האָבן נישט געהאַט גענוג ווערטער צו זאָגן שבחים פאַרן יידישן זייד־מסחר. זיי האָבן אָנערקענט, אַז יידן באַרייכערן דאָס לאַנד דורך עקספּאָרטירן דעם פּראָדוקט אין אַנדערע מדינות, נישט געקוקט אויף די גרויסע רייזע־סכנות אין די דעמאָלטיקע צייטן.

די רייכערע יידן אָבער, האָבן געצויגן זייער הויפּט־פּרנסה פון געלט־האַנדל. געוויסע יידישע געלערנטע פלעגן אָפט אויסדריקן אומצופרידנקייט מיט די גרויסע באַנקירן, וועלכע יאָגן זיך רייך צו ווערן פון פּראָצענט. ר' קלונימוס אין זיין „מסכתא פורים", ר' זרחיה אין „גנזי נסתרות" און נאָך עטלעכע, האָבן שטאַרק פאַרדאַמט אַזעלכע געשעפטן. אפילו פון גויים איז, לויט זייער מיינונג, דאָס נעמען פּראָצענט קעגן יידישן דין. אין דער אמתן אָבער, איז דער עקאָנאָמישער מצב געווען דעמאָלט אַזעלכער, אַז נעמען פּראָצענט האָט די באַפעלקערונג נישט באַטראַכט אַלס אַן אומרעכט. דער אונטערשיד צווישן יידן און קריסטן אינעם געלט־האַנדל איז באַשטאַנען דערין, וואָס ביי די ערשטע איז דאָס געווען אַ נויטווענדיקייט פון עקזיסטענץ און אַ באַוואָרעניש אויף שלעכטע צייטן, ביי די לעצטע דאַקעגן — אַ שטרעבונג צו רייכטום.

כאָטש דער יידישער מצב אין איטאַליע איז געווען בעסער ווי אין אַנדערע לענדער, האָבן דאָך די יידן געדאַרפט זיך שטענדיק ריכטן „על כל צרה שלא תבוא" — צרות קאָנען קומען אומגעריכט — אַזוי לערנט אונדז די יידישע געשיכטע. ס'איז דעמאָלט געווען מלחמה־צייט צווישן פעלקער, דעריבער האָט מען זיך געקאָנט ריכטן אויף צייטן, אַז דער ייד זאָל ווערן דער קרבן און מוזן פאַרלאָזן זיין היים און וואַנדערן ווייטער אין גלות. מיט אַנדערע ווערטער האָבנדיק שטענדיק מזומן אונטער דער האַנט, ווען זיי לייכטער זיך לאָזן אין וועג ווי מיט הייזער, סחורה אדג"ל, וועלכע זענען פיל שווערער צו ליקווידירן. די יידן, וועלכע האָבן געהאַט די מעגלעכקייט אָנצוזאַמלען געלט, האָבן עס אויסגענוצט פאַר הלוואות צוליב פּרנסה, אַ צו־שטאַנד, וואָס פלעגט זיך איבערחזרן אין אַלע זייערע גלות־וואַנדערונגען.

במשך דעם גאַנצן מיטלאַלטער איז דער קריסטלעכער פּראָצענט־מסחר אין איטאַליע געשטאַנען אויף אַ זייער נידעריקן און שענדלעכן מצב.

ביי די, וועלכע זענען אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט, האָבן קריסטן גענו־ מען 35% און אָפט נאָך מערער. די שטאָט־רעגירונג פון פלאָרענץ האָט איינ־ געלאַדנט יידישע מלווים זיך דאָרטן צו באַזעצן און רעגולירן דעם פּראָצענט־ מאַרק, אַז עס זאָל נישט גיין העכער ווי 20%. דאָס ווייזט דעם צוטרוי, וואָס מען האָט געהאַט צו יידן אַלס ערלעכע געשעפטס־לייט און ווי פאַרפוילט ס'איז געווען דער דאָזיקער מסחר ביי די שכנישע קאָנקורענטן, וועלכע פלעגן שטענדיק זוכן עוולות ביי יידן. אַ גאַנצע ליטעראַטור האָבן קריסט־ לעכע געלערנטע אָנגעשריבן, וואָס פאַרדאַמט די שלעכטע טאַטן פון זייערע ברידער — פּראָצענטניקעס. דער שרייבער קאַרפּעליני אַליין האָט געשריבן פינף דערציילונגען וועגן די מעשים פון די קריסטלעכע וווכערניקעס. און אַזוי האָבן געשריבן נאָך אַנדערע איטאַליענישע ליטעראַטן. די קירך פלעגט זיי אַרייינלייגן אין חרם, אָבער עס האָט ווייניק געהאָלפן. דאָס פּראָצענט־ שינדן איז אָנגעגאַנגען אָן אַן אָפּהאַלט, ביז וואַנען דאָס וואָרט „לאָמבאַרד" (לייען: געלט אויף פּראָצענט) איז געוואָרן אַ „צונאָמען" פאַר איטאַליענער אין דער אַלגעמיינער אייראָפּעישער ליטעראַטור. דער נאָמען ייד איז כמעט נישט דערמאָנט געוואָרן אין די אויבנדערמאָנטע שריפטן.

פון די אַלע פאַקטן און בילדער קאָן מען קומען צום באַשלוס, אַז יידן אין איטאַליע, אין פאַרלויף פון מיטלאַלטער, זענען געווען גלייכע בירגער פון לאַנד, געלעבט בשלום מיט קריסטן, צוזאַמען געאַרבעט און געהאַט מיט זיי אַ געמיינזאַמע שפּראַך אין אַלגעמיינע אינטערעסן. צופעליקע גזירות קעגן דעם ייד זענען אַממערסטן געבליבן אויפן פאַפּיר און זייער זעלטן דורכגעפירט געוואָרן. מיט זייער איבערגעגעבנקייט און פינאַנסיעלער שטיצע, האָבן זיי פיל בייגעטראָגן צו די אינטערעסן פון לאַנד, ספּעציעל אין מלחמה־צייט. היסטאָריקער פאַרצייכענען דעם כבוד און דאַנק, וואָס דער קיסר יאָהאַן האָט צוגעטיילט אין יאָר 1387 געוויסע קהילות פאַר זייערע גוטע טאַטן.

געטאָס און געלע לאַטעס

אַחוץ די עטלעכע שטעט אויפן אינדזל סיציליע, זענען אין איטאַליע נישט געווען איינגעפירט קיין געטאָס פאַר יידן. און אויב עס האָבן זיך גע־ פונען אין באַשטימטע ערטער אָפּגעזונדערטע שכונות, איז דאָס נישט גע־

ווען מחמת צוואַנג מצד דער רעגירונג, נאָר פון זייער אייגענעם ווילן, יידן האָבן געוואָלט בעסער זיין נענטער איינער צום צווייטן, אין אַ סביבה פון יידישע אינסטיטוציעס, קולטורעלע ווי געזעלשאַפטלעכע, כדי מען זאָל קאָנען צוזאַמען עפּעס שאַפן אויפן יידישן געביט.

עס איז די מיינונג פון געוויסע שרייבער ווי יאָסט, געש א. אַנד., אז די דאָזיקע באַזונדערע שכונות זענען געוואָרן דער יסוד פאַר געטאָס אין די שפּעטערדיקע דורות, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן גזירות אויף יידן, מיטן ציל פון אָפּשליסן זיי אין גאַנצן פון דער אַרומיקער באַפעלקע־רונג. די זעלביקע דערשיינונג קאָן מען צושרייבן אנדערע מדינות אין אייראָפּע.

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז די באַוווסטע „געלע לאַטע", וואָס יידן זענען געוועזן געצוווּנגען צו טראָגן אויף זייערע קליידער אין פאַרלויף פון פיל דורות, כמעט אין אַלע מערב־אייראָפּעישע לענדער, האָט אין איטאַליע אויך עקזיסטירט. אָבער דאָרט איז עס געווען נאָר פאַרשריבן אין די געזעץ־ביכער און פּאַקטיש נישט דורכגעפירט געוואָרן. ערשט שפּעטער, אינעם 15־טן יאָרהונדערט, נענטער צו דער תקופה פון רענעסאַנס, האָבן געוויסע גלחים אין עטלעכע שטעט באַקומען מער מאַכט ווי אינעם גאַנצן פּעריאָד פון מיטלאַלטער. דער ספר „המזכיר" דערציילט, אַז דעמאָלט האָבן די קירך־לייט געפּאָדערט פון דער רעגירונג, אַז מען זאָל אָנהייבן דורכפירן דאָס געזעץ פון דער „געלער לאַטע". טיילוויז האָבן זיי עס טאַקע אויסגעפירט און אין עטלעכע שטעט האָט מען שוין געקאָנט באַמערקן יידן מיט די „שאַנד־צייכנס", וואָס פריער איז עס נישט געווען בנמצא.

קאַפּיטל זעכצונצוואַנציק

די איטאַליענישע ליטעראַטור וועגן יידן

אין דער צייט, וואָס די דייטשע ליטעראַטור איז געווען פול מיט גאַל קעגן יידן און אירע שרייבער, אַחוץ געציילטע, און האָט געזוכט ווי צו פאַרשפּרייטן שנאה און וואַרפן שמוץ אויף זיי, איז די איטאַליענישע ליטעראַטור געווען כמעט ריין פון דעם. ביי איר האָט קיין יידן־פראַגע נישט עקזיסטירט. דער ייד אַלס אַזעלכער, אין אונטערשיד צו אַנדערע, איז דאָרט נישט דערמאָנט געוואָרן. מען האָט דעם ייד באַטראַכט ווי אַ גלייכן בירגער, נישט געקוקט אויפן אונטערשיד פון רעליגיע. אמת, ס׳איז געווען א יוצא מן הכלל — ביי עטלעכע שרייבער איז געווען אַ נייגונג פאָרצושטעלן, אין זייערע שריפטן, דעם ייד אין אַ טונקעלן ליכט. יעדנפאַלס איז דאָס נישט געווען מחמת שנאה צום ייד, נאָר אָפט, לויט דער מיינונג פון היסטאָריקער, צווישן זיי אויך אברהם גייגער, צוליב פאַרטיידיקן אייגענע, צוזאַמען מיט דער בלינדער פאַנטאַזיע אין אויסטייטשן געוויסע געשעענישן, האָט זיי דער געדאַנק געטריבן צו וואַרפן די שולד אויף אַ צווייטן פון אַ פרעמדן לאַגער. נעמט, למשל, דעם פאַקט, וואָס דער באַוווסטער שרייבער דזשאָוואַני פיאָרענטינאָ דערמאָנט אין איינער פון זיינע דערציילונגען בנוגע אַ פאָלקס־לעגענדע, וואָס איז דעמאָלט אַרומגעגאַנגען צווישן די מאַסן וועגן אַ רייכן קריסטלעכן באַנקיר. דער לעצטער האָט געפאָדערט פון געריכט, אַז זיין בעל־חוב, וועלכער איז נישט געווען אימשטאַנד צו באַצאָלן די סומע געלט, וואָס ער האָט ביי אים געבאָרגט, זאָל באַשטראָפט ווערן, לויטן אָפּמאַך, מיט אויסשניידן ביי אים אַ פונט פלייש פון זיין קערפּער. דער אויבנדערמאָנטער שרייבער, וועלכער האָט קיינמאָל קיין שלעכטס וועגן יידן נישט געשריבן, האָט אין זיין דערציילונג געפעלשט דעם נאָמען און פאַרביטן דעם קריסט־

לעכן מלווה אויף אַ ייד. זיין פּאַטריאָטישער געפיל האָט ביי אים נישט דערלאָזט דעם געדאַנק, אַז אזא פאָדערונג זאָל קומען פון אַ קריסט *).

עס האָבן זיך געפונען נאָך עטלעכע שרייבער, וועלכע פלעגן זיך דערלויבן אַריינצוואַרפן אַ ביסל ליצנות און שפּאָט בנוגע יידישער עקשנות אין רעליגיע, אָבער אין זייער שרייבן איז נישט געווען קיין שנאה. אַזאַ באַציונג קאָן מען, למשל, באַמערקן ביים שרייבער זאַכיטי, אין זיינער אַ דערציילונג, ווו ער באַנוצט שפּאַסיקע אויסדרוקן וועגן יידן און גלייכצייטיק אין איין אָטעם, האָט ער אויך קריטיקירט דעם פּויפּסט מיט זיינע כלי־קודש אַרום דער קירך. מען קאָן פאַרצייכענען נאָךביישפּילן פון דעם זעלבן טיפּ שרייבער אין יענער צייט, אָבער בכלל האָט דער ליטעראַרישער קרייז אין איטאַליע זיך באַצויגן פריינדלעך צו יידן.

פונדעסטוועגן איז דאָס לעבן פון די איטאַליענישע יידן אין יענער תקופה נישט פאַרביי אזוי גלאַטיק, און אָפטמאָל האָבן זיי איבערגעלעבט שווערע צייטן. אין גאַנג פון זייער רויקן לעבן, אין פאַרלויף פון דורות, זענען פון צייט צו צייט געקומען אויפטרייסלונגען. אמת, נישט אויף קיין לאַנגער צייט און אויך נישט אומעטום. אין געוויסע פעריאָדן האָבן יידן געליטן פון גרופּן מאָנאַכן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזונדערט פונעם אַלגע־מיינעם לעבן און פאַרבראַכט זייער צייט אין דרשות אויף מערק און גאַסן. אין זייער מוסר־זאָגן האָבן זיי, ווי געוויינלעך, געשילדערט די יידן אין טונקעלע פאַרבן און באַשולדיקט זיי פאַר די זינד און שלעכטע מעשים פון די מאַסן. צוליב דעם האָבן געוויסע פּויפּסטן געהאַט אַ גוטע געלעגנהייט צו שאַפן נייע גזירות קעגן יידן, כאָטש על פּי רוב זענען זיי גאָר נישט דורכגעפירט געוואָרן. די ערשטע אָבער האָבן אין דעם געזען אַ גוטן קוואַל ווי רייך צו ווערן, ווייל מבטל צו מאַכן אַ גזירה האָט מען געפאָדערט גרויסע סומעס געלט. די מאָנאַכן, די דרשה־זאָגערס, האָבן דערביי אויך אין זינען געהאַט, אַז מיטן באַשולדיקן די יידן וועט זייער כבוד צווישן די מאַסן גע־הויבן ווערן. זיי פלעגן אויסטראַכטן כלערליי מעשיות, אַז אין דער שטאָט אָדער יענער פּראָווינץ זענען יידן פאַרניכטעט געוואָרן צוליב די זינד פון פאַרשוועכן הייליקע קירך־זאַכן. דער גרעסטער יידן־שונא פון צווישן די

---

*) מעגלעך אַז שעקספּיר אין זיין דראַמע „דער סוחר פון ווענעדיק" האָט זיך געשטיצט אויף דעם מאַטעריאַל אין דער דערציילונג פונעם דאָזיקן איטאַליענישן שרייבער.

דרשה־זאָגערס, איז געווען בראַנדין די סיינה (1380—1444), וועלכן דער פויפסט ניקאָלאַס דער פינפטער האָט געמאַכט פאַר אַ„קדוש״. איבערהויפּט איז ער געווען אַקטיוו אין די שטעט, ווו יידן און קריסטן האָבן געלעבט בשלום אָן שטערונגען.

אין אַזאַ מצב האָבן זיך די יידן געפונען אין איטאַליע במשך דעם גאַנצן מיטלאַלטער. ערשט מיט פיל דורות שפּעטער, האָט די קירך־אַגי־טאַציע קעגן די יידן זיך פיל מער פאַרשאַרפט.

קאַפּיטל זיבנאונצוואַנציק

די יידן אין סיציליע

א. די עלטסטע תושבים

יידן אויפן אינדזל סיציליע איז גאָר אַ באַזונדער קאַפּיטל אין אונדזער לאַנגער געשיכטע. דורכן גאַנצן מיטלאַלטער איז סיציליע געווען דער ליכטיקסטער און וווּנדערבאַרסטער פּונקט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. ס׳איז נישט באַוווּסט גענוי ווען דער ישוב האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן. אָבער היסטאָריקער ווילן האָבן, אַז נאָכן צווייטן חורבן, ווען יידן האָבן זיך צע־שפּרייט איבער פאַרשידענע לענדער, האָט זיך אַ טייל פון זיי באַזעצט אויפן דאָזיקן אינדזל, וואָס איז געווען אַ באַזונדערע מלוכה, איידער איטאַליע איז געוואָרן פאַראייניקט. די לעצטע, ווי באַוווּסט, איז געווען פריער צעטיילט אין פיל שטאַטן מיט באַזונדערע רעגירונגען. עטלעכע פאַרצייכענונגען וועגן יידן דאָרט, צווישן די יאָרן 604—590, געפינען זיך אין די בריוו פונעם פּויפּסט גריגאָרי דער גרויסער, וועלכע זענען שפּעטער פאַרעפנטלעכט גע־וואָרן. דאָקומענטן פון די שפּעטערדיקע יאָרן וועלן מיר באַשרייבן ווייטער.

סיציליע געפינט זיך נאָענט צו דריי וועלט־טיילן: אייראָפּע, אַזיע און אַפריקע. פאַרשידענע פעלקער, מיט זייערע אייגנאַרטיקע קולטורן, האָבן געמאַכט פונעם אינדזל אַ ציל־ברעט פון קאַמף פאַר באַהערשן אים. ביין פעלקער, צווישן זיי גריכן, רוימער, דייטשן, נאָרמאַנען, פראַנצויזן, שפּאַ־ניער און דריי קלענערע, האָבן געפירט מלחמות צווישן זיך וועגן איינגעמען דעם אינדזל. יעדע פון זיי אין פאַרלויף פון זייער קורצער ממשלה דאָרטן, האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט סימנים פון קולטור און טראַדיציע. פראַנקרייך און שפּאַניע זענען געווען די לעצטע צו הערשן דאָרט און די שפּורן פון זייער קולטור, מנהגים, שפּראַך און אידעען, זענען פאַרבליבן איינגעקריצט עד היום צווישן דער באַפעלקערונג פון לאַנד.

און דאָ קומט פאַר אַן אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג: אַלע פעלקער, באַזיגער פון סיציליע, האָבן זיך באַזעצט דאָרטן נאָר אויף אַ קורצער צייט, ווי געסט, ווייל איינער האָט אַרויסגעשטויסן דעם צווייטן און קיינער האָט נישט געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו באַפעסטיקן אויף אַ לאַנגער צייט אַחוץ די יידן. די לעצטע, די שטענדיקע וואַנדערער, האָבן גראָד דאָ זיך נישט גערירט פון אָרט און זיך אונטערגעגעבן צו די פאַרשידענע מושלים, פעל־קער און קולטורן. אַזוי אַרום איז אויסגעקומען, אַז יידן זענען דאָרט, פון אַלטערטום ביזן מיטלאַלטער, געווען די עלטסטע תושבים פון לאַנד, צוגע־בונדן צו דאָרטיקער שאַפונג און מנהגים, ביז עס איז אָנגעקומען דער גרויסער שטורעם פון שפּאַניע אין סוף פון פופצנטן יאָרהונדערט. דער אינדזל סיציליע איז דעמאָלט אַריבער אונטער דער הערשאַפט פון שפּאַנישן קיסר פערדינאַנד דער קאַטאָליק *), וועלכער האָט אין יאָר 1492 פאַרטריבן די יידן פון שפּאַניע און סיציליע.

עס האָט גענומען הונדערטער יאָרן ביז וואַנען ס׳איז געשריבן גע־וואָרן די געשיכטע פון די יידן אויפן אינדזל. אין 18־טן י״ה האָט דער היס־טאָריקער און געלערנטער, באַנאַש, אָנגעשריבן אַ באַדייטנד ווערק: „די אַל־געמיינע געשיכטע פון סיציליע״ און דורכגעלאָזט אינגאַנצן די עקזיסטענץ פון די דאָרטיקע יידן. מיט פערציק יאָר שפּעטער האָט דער באַוווסטער ליטעראַט דזשאָוואַני די דזשאָוואַני געשריבן אַ בוך: „די געשיכטן פון די יידן אין סיציליע״, אָבער דער מחבר האָט צווישן די וויכטיקע אינפאָרמאַ־ציעס א סך געפעלשט, ווען עס איז געקומען צו דער אָפּשאַצונג פון יידן, זייער שאַפונג און לעבן. מיט הונדערט יאָר שפּעטער (1879), איז דער גרויסער יידישער געלערנטער צונץ, אין זיין אַרבעט: „צור געשיכטע אונד ליטעראַטור״, געווען דער ערשטער צו אַנטדעקן די נישט־ריכטיקע פאַקטן, וואָס דער שרייבער דזשאָוואַני האָט איבערגעגעבן אין זיין ווערק וועגן יידן. צונץ האָט נאָך אַ פאָרזיכטיקן דורכזיפּן און קאָרעגירן, אַרויסגעגעבן אַ העפט מיט קלאָרע און אמתע געשעענישן וועגן לעבן פון די סיצילישע יידן.

אויך די דריי באַרימטע סיצילישע פאָרשער: לאַ־לומיא, באַזזא און סטאַרראַבבא האָבן אין זייערע מאָנאָגראַפיעס (1870—1882) אַראָפּגעריסן די

---

*) מיט דעם נאָמען איז ער באַוווסט אין דער וועלט־געשיכטע.

מאַסקע פון היסטאָריע־פעלשער און געגעבן אַ ריכטיק בילד און אָפּשאַ־צונג וועגן די סיציליִשע ייִדן. צו זיי זענען צוגעקומען נאָך צוויי באַרימטע קאַטוילישע גייסטלעכע, די ברידער באַרטאָלאָמיי און דזשוזעפּע, וועלכע האָבן פאַרעפנטלעכט אין זייער בוך (1884), איבער 800 היסטאָרישע דאָקו־מענטן וועגן יידן אין סיציליע. ד״ר מ. לאַנדוי פון ווין האָט זיך באַנוצט מיט דעם דאָזיקן מאַטעריאַל פאַר זיין אינטערעסאַנטער ארבעט אין „פראַנקפורטער צייטונג״ (1897), וועגן דער געשיכטע פון סיציליִשע יידן אין 11־טן ביזן סוף 15־טן יאָרהונדערט.

די אַלע אויבנדערמאָנטע דאָקומענטן דריקן אויס די מיינונג, אַז די געשיכטע פון די סיציליִשע יידן האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער וועלט־היסטאָריע. דער פאָרשער באַזונדער זאָגט: „אויב עס איז דאָ אַזאַ טייל פון דער וועלט־געשיכטע, וואָס איז ווערט מען זאָל אים אויספאָרשן, איז דאָס די היסטאָריע פון סיציליִשע יידן, וואָס האָט אַ גרויסע שייכות צו דער פאָרשונג פון דער מענטשהייט בכלל.

ב. קהילה־פירערשאַפט

אין קיין שום לאַנד האָבן יידישע קהילות נישט געהאַט אַזאַ פרייהייט און שטיצע מצד דער רעגירונג ווי אין סיציליע. אין אַנדערע מדינות, ווי קהילות האָבן געהאַט זייער אייגענע זעלבסטפאַרוואַלטונג, האָבן זיי נישט געגאָסן פון קיין דרויסנדיקער הילף. אין סיציליע, דאַקעגן, האָבן שטאַ־טישע פאַרוואַלטונגען געגומען אָן אָנטייל אין העלפן די קהילות דורכצופירן זייערע תקנות און פירערשאַפט. די סיבה פון אַזאַ נאָענטער פאַרבינדונג צווישן דער רעגירונג און די קהילות, ווערט פון שרייבער, איבערהויפּט פון היסטאָריקער לא־לומיא, דערקלערט מיט דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג דאָרט צוליב די אָפטע פעלקער־וועקסלונגען אין משך פון הונדערטער יאָרן. ווען אַ נייער דעראָבערער האָט פאַרנומען דאָס לאַנד, איז זיין פּאָליטיק געווען נישט צו צעשטערן דאָס אינערלעכע, אייגנאַרטיקע לעבן פון די פיל גרופּן, וועלכע האָבן פון פריער באַפעלקערט דעם אינדזל. ממילא איז אויס־געקומען, אַז די יידישע קהילות דאָרט האָבן אויך אָנגעהאַלטן זייער לעבנס־שטייגער אָן שום שטערונגען. דער שרייבער סטאַררּאבא פאַרצייכנט אין זיינע שריפטן, אַז עס איז אַ גרויסער כבוד פאַר סיציליע, וואָס יידן האָבן

געהאַט אַ גוט לעבן און זענען געווען גלייך פאַרן געזעץ מיט דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. די אַלע, זאָגט ער, וועלכע האָבן געוואָלט זוכן נאָר בילבולים אויף יידן, כדי זיי שלעכטס טאָן, זענען געווען מענטשן אָן כאַראַקטער און זייער ווירקונג איז געווען נאָר אַ פאַרבייגייענדיקע, אויף אַ קורצער צייט.

די פירערשאַפט פון די קהילות איז געווען צונויפגעשטעלט פון פאַרשידענע קאָמיטעטן און געפירט אירע אָנגעלעגנהייטן לויט באַשטימטע געזעצן:

1) יעדע קהילה פלעגט אויסקלייבן איר הויפּט־קאָמיטעט פון פיר פּערזאָן און זיי האָבן באַשטימט אין יעדן פערטל יאָר דריי עקזעקוטיוו־מיט־גלידער. די לעצטע האָבן געמוזט אָפּגעבן זייער גאַנצע צייט צו אַרבעטן פאַר די אינטערעסן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

2) אַ קאָמיטעט פון בוכאַלטערס פלעגט באַשטימט ווערן צו קאָנט־ראָלירן די הכנסות און הוצאות פון דער אויבנדערמאָנטער עקזעקוטיווע.

3) אַ קאָמיטעט פון אויסגעקליבענע בעלי־בתים האָט קאָנטראָלירט די אַרבעט פון דער עקזעקוטיווע.

4) צוועלף חשובע לייט פלעגן באַשטימט ווערן אויסצוגלייכן געוויסע סיכסוכים צווישן די כלל־טוער.

5) געלערנטע און שרייבער האָבן אַכטונג געגעבן אויף די אַרכיוון פון דער קהילה.

6) דער שטייער־קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון ניין לייט: צו דריי פון יעדן קלאַס: רייכע, מיטעלע און אָרעמע, כדי די באַשטייערונגען, וואָס יעדער קהילה־מיטגליד האָט געמוזט צאָלן, זאָלן ווערן באַשטימט מיט יושר, לויט יעדנס סאָציאַלן מצב.

7) עס זענען געווען באַאַמטע פאַר איינמאָנען געלט, באַשיצן די אָרעמעלייט, פאַרמיטלער צווישן דער קהילה און דער שטאָט־רעגירונג און ענלעכע אויפגאַבעס.

די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט די יידישע פירונג גענומען אַלס מוסטער און איינגעאָרדנט דאָס זעלבע ביי זיך. לויט דער עדות פון די קריסטלעכע היסטאָריקער ווי סטאַרראבא און אנדערע, האָט מען אַזאַ מוסטער־צושטאַנד פון פירערשאַפט אין יידישן לעבן, נישט געקאָנט געפי־נען אין קיין שום אַנדער לאַנד אין פאַרלויף פון מיטלאַלטער.

ג. רעליגיעזע ענינים

אינעם רעליגיעזן לעבן פון די סיצילישע יידן איז אויך געווען אַ סדר און עס האָט זיך געפירט לויט אונדזער טראַדיציע מיט געזעצן און משגיחים. יעדע קהילה האָט געהאט אירס אַ רב אָדער אַ דיין, צו וועלכן אַלע האָבן זיך באַצויגן מיט כבוד און געפאָלגט זיינע באַפעלן בנוגע דת און מצוות. די רעגירונג האָט אים אויך אָנערקענט און געשטיצט זיין פירער־שאַפט אין פיל אָנגעלעגנהייטן.

די רבנים פלעגן אויסגעקליבן ווערן פון קהילה־פירער און די רע־גירונג האָט זיך כמעט נישט געמישט אין דעם. זעלטן האָט געטראָפן, אַז די לעצטע זאָל באַשטימען אַ רב, וועלכן זי האָט בעסער געשעצט אָדער צוליב אַן אויסרייד, אַז ער איז מער פעיק אַלס רעליגיעזער פאָרשטייער. נאָר צוויי אַזעלכע פאַלן זענען פאַרגעקומען: מיטן קיסר מאַרטין אין 14־טן יאָרהונדערט און נאָכדעם מיט אַלפאָנס דעם 5־טן. וואָס יעדער פון זיי האָט באַשטימט אַ רב. דעם וואָס מאַרטין האָט רעקאָמענדירט, האָט זיך ווי עס איז צוגעפאַסט צו די אינטערעסן פון דער קהילה. אָבער וועגן צווייטן, וועלכן אַלפאָנס האָט באַשטימט, איז מען דערגאַנגען, אַז זיין כוונה איז געווען צו קאָנען אַמאָל, דורך זיין פריינד, דעם רב, אויסנאַרן געלט פון דער קהילה אויפן גרונט פון פאַרשידענע תירוצים און דריידלעך. די יידן האָבן באַשלאָסן נישט מער צו אָנערקענען קיין רעגירונגס־רבנים, אַחוץ די, וועלכע זיי אַליין וועלן אויסקלויבן. און אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען אין משך פון פיל דורות.

מען פלעגט אויך אויסקלויבן אַנדערע רעליגיעזע פאָרשטייער: גבאים, שומרים פאַר די בתי־מדרשים און שולן; סופרים צו שרייבן כתו־בות און גיטין, זיי פלעגן אַמאָל אויך פאַרנעמען דאָס אָרט פון אַ רב אין קלענערע געמיינדעס. צדקה־גבאים אַכטונג צו געבן ווי אַזוי צו טיילן די צדקה פון דער קהילשער קאַסע פאַר די אָרעמע; אַ בית־דין פון זעכצן אויסגעקליבענע קהילה־מיטגלידער — פיר פון זיי געלערנטע, — זייער אויפגאַבע איז געווען צו באַשטראָפן מיט געלט, מלקות, אָדער טורמע די יעניקע, וועלכע האָבן איבערגעטראָטן קהילה־געזעצן אָדער סתם פאַר־ברעכער.

אינטערעסאַנט איז אַ דאָקומענט פון תקנות, וואָס איז פאַרפאַסט גע־

וואָרן ביי דער יידישער קהילה אין סיראַקוז (1364), און געבראַכט פונעם היסטאָריקער סטאררעבא. די תקנות זענען באַשטעטיקט געוואָרן פון קיסר אַליין. „כאָטש די מערסטע פון זיי", זאָגט דער דאָקומענט, „זענען פון אַ רעליגיעזן כאַראַקטער, אָבער די רעגירונג האָט באַטראַכט די יידן אַלס גלייכע בירגער פון לאַנד, וועלכע מען מוז באַשיצן". פון דער שריפט „תקנות פאַר סיראַקוזער קהילה" קאָן מען פאַרשטיין, אַז ענלעכע געזעצן זענען אויך געשאַפן געוואָרן אין אַנדערע קהילות.

מיר ברענגען נאָר אַ טייל פון די תקנות:

1) קיינער טאָר נישט שרייבן תנאים, כתובות און גיטין אָן אַ דערלויבעניש פונעם הויפּט־קהילה־קאָמיטעט;

2) כדי צו האַלטן אַ דרשה אין שול, מוז מען פריער אָנפרעגן ביי דער פאַרוואַלטונג, אַנדערש וועט מען באַצאָלן אַ גרויסע געלט־שטראָף;

3) קיינער טאָר זיך נישט פאַרנעמען מיט שחיטה, אַפילו ווען ער איז ראוי צו דעם, ביזוואַנען ער קריגט אַ רשות פון דער קהילה־פירערשאַפט;

4) מען טאָר נישט העכערן דעם פּרייז פאַר תבואה און גרינסן מער ווי עס איז באַשטימט געוואָרן פון דער קהלה;

5) ס'איז פאַרבאָטן צו גיסן וואַסער אין וויין, אָדער צונויפמישן מיט אַ צווייטן ביליקן סאָרט, כדי צו מאַכן דעם פּרייז נידעריקער;

6) אָן דער צושטימונג פון די צדקה־גבאים, טאָר קיינער נישט קלויבן נדבות פאַר אָרעמע;

7) אפילו דער חזן אַליין טאָר נישט גיין צום עמוד דאַוונען ביז וואַנען דער גבאי הייסט אים;

8) דער באַשטימטער שמש טאָר נישט איבערגעבן די שול־שליסלען אָדער אַנדערע הייליקע הפצים צו אַ צווייטן, אַפילו אויף א קורצער צייט אָן אַ רשות;

9) שבתים און יום־טובים טאָר קיינער זיך נישט עפנטלעך באַקלאָגן אויף אַ צווייטן, אַז ער האָט אים געטאָן עפּעס שלעכטס, סיידן דער קהילה־קאָמיטעט דערלויבט עס;

10) אָן אַ דערלויבעניש פון דער קהילה טאָר מען נישט האַנדלען מיט פּראָצענט.

ד. גייסטיקע פרייהייט ביי יידן און די באַציונגען מיט שכנים

די סיציליאַנער יידן זענען געווען פריי אין געדאַנק און אין זייערע באַציונגען מיט דער שכנישער באַפעלקערונג. אַזאַ דערשיינונג האָט אויף קיין פאַל נישט געקאָנט פאָרקומען אין די דייטשע פּראָווינצן. זייענדיק גייסטיק פריי און שטאַרק צוגעבונדן צום אינערלעכן לעבן פון לאַנד מיט זיינע מנהגים און געוווינהייטן, האָבן זיי זיך דערלויבט נאָכצוטאָן אין פיל זאַכן זייערע שכנים. זיי פלעגן, למשל, באַנוצן נעמען און אויסדרוקן אין רעליגיעזע אָנגעלעגנהייטן, איבערגענומענע פון קריסטלעכע און מאַכמע־דאַנישע איינוווינער. די לעצטע פון זייער זייט, האָבן זיך דערצו באַציגן מיט טאָלעראַנץ און עס נישט באַטראַכט פאַר קיין באַליידיקונג אָדער פגיעה אין זייער רעליגיע.

אין די פריער־דערמאָנטע תקנות פון דער סיראַקוזער יידישער קהילה געפינען מיר פאָלגנדע באַצייכענונגען, וועלכע מיר האָבן פאַרביטן אויף העברעיש: Presbyter — אַ חזן אָדער שוחט (ביי קריסטן מיינט עס אַ בישאָף אָדער גלח); Sacristano — א גבאי (ביי די קריסטן דאָס זעלבי־קע); Miskita — אַ שול (ביי מאַכמעדאַנער — מעססעדזש); Altara — עמוד; אויף ציבור געפינען מיר די אַראַבישע באַצייכענונג Aljamma א.א.וו. — אַ צוזאַמענגעמיש פון גריכישע—אַראַבישע—לאַטיינישע ווערטער, לויט די פעלקער, וואָס האָבן זיך געביטן פון צייט צו צייט אין פאַרלויף פון דער סיצילישער געשיכטע. אפילו נעמען האָבן זיך אויך ביי זיי אָפט פאַר־ביטן אויף לאַטייניש אָדער איטאַליעניש, ווי ברוך — Benedictus; חיים — Vita; יהודה — Leo; שמחה — Gaudius. מיר טרעפן אויך טער־קישע אָדער אַראַבישע נעמען.

כדי צו קריגן אַ באַגריף וועגן די באַציונגען צווישן די יידן און זייערע שכנים, איז כדאי איבערצוגעבן אַ קיצור פון אַ באַשרייבונג ביי דעם היסטאָריקער באַזאַ. ער זאָגט: „אַ גרויסע צאָל יידן האָבן געוווינט אין סי־ציליע און גענאָסן פון אַלע רעכט און געזעצן, צוגלייך מיט אַלע בירגער פון לאַנד. די אַלגעמיינע באַפעלקערונג, איבערהויפּט פון דער שטאָט פּאַלערמאָ, האָט אָנערקענט די גוטע מידות, וואָס יידן באַזיצן און דעם נוצן, וואָס זיי ברענגען דעם לאַנד אַלס ערלעכע סוחרים, וואָס שטרעבן צו פרידן און אַ רויק לעבן. אין דער צייט פון דער טערקישער, און נאָכדעם

נאָרמאַנישער הערשאַפט דאָרטן, זענען יידן נאָך אַלץ געבליבן ביי זייערע בירגער־רעכט. זיי האָבן נאָר געדאַרפט צאָלן אַ קליינעם שטייער צו דער רעגירונג פאַר רעליגיע־פרייהייט. דאָס זעלביקע פלעגן אַמאָל דאַרפן צאָלן אויך די קריסטן, בעת מאַכמעדאַנער האָבן דערצאָבערט דאָס לאַנד". „נאָר פרידריך דער צווייטער, דער אַפּיקורס פון 13־טן יאָרהונדערט", זאָגט ער, „האָט געבראָכן די אַלטע טראַדיציע פון פרייהייט, פאָדערנדיק, אַז די קאַטוילישע קירך זאָל רעגולירן סיכסוכים און ענינים צווישן יידן. אָבער נאָך אַלעמען האָט ער נישט צוגענומען זייער בירגער־רעכט און געשטיצט דעם יידישן מסחר און אינדוסטריע". שפּעטער, ווען פרידריך דער דריטער איז געוואָרן קעניג, האָט זיך די יידישע לאַגע געענדערט. אין יאָר 1312 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז יידן אין די גרעסערע שטעט מוזן צוריק וווינען אין זייערע אַמאַליקע אַלטע שכונות, כדי צו זיין אָפּגעטיילט פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. ער האָט אָבער נישט געשטערט זייער האַנדל און אינדוסטריע, ווייל דאָס האָט אַריינגעבראַכט אָפּצאָלונגען אין זיין קאַסע. בכלל איז ער געווען אַ שוואַכער אין כאַראַקטער, פלעגט אָפט מבטל מאַכן זיינע אייגענע גזירות און צוריק זיי אויפלעבן, ווען דאָס איז געווען אין זיינע געלט־אינטערעסן.

פון דער אַנדערער זייט, האָבן זיינע געטאָ־גזירות ווייניק געווירקט אויף די מאַסן פון סיציליע. גראָד פאַרקערט, מען האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם קעניג און קיינער האָט נישט געוואָלט אָפּקויפן דאָס אייגנטום, וואָס יידן האָבן איבערגעלאָזט, ווען זיי זענען אַריבער אין די אָפּגעזונדערטע שכונות, און די הייזער זענען געבליבן פּוסט. צונץ און לאַנדוי באַטאָנען אין זייערע שריפטן וויאַזוי יידן און קריסטן האָבן אין דעם זעלביקן פּעריאָד זיך געחברט און געווען אין בעסטע פריינדלעכע באַציונגען. מען פלעגט זיך צונויפקומען אויף פאַמיליע־שמחות, חתונות און בריתן.

עס איז כדאי דאָ צו פאַרצייכענען דעם באַפעל פון קיסר מאַרטין (1398), וואָס זאָגט, אַז מען זאָל נישט באַלעסטיקן צופיל די יידן און זיי צוריקהאַלטן אין לאַנד. דעמאָלט האָבן די יידן, וואָס זענען געבליבן אויף זייערע נחלות אין ארץ־ישראל, געלעבט אין שפע און שטאַרק מצליח געווען. דער קיסר האָט געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז יידן פון סיציליע ווערן צוריק אימיגרירן אַהין און צוליב דעם איז געקומען זיין אויבנדערמאַנטער באַפעל.

שפּעטער, אין יאָר 1460, האָט אַ גרופּע פון 400 יידישע בחורים, אַלס

אויסדרוק פון גוט־פריינדשאַפט, אַנגעטאָן אין די בעסטע ניידענע קליידער, געגומען אַן אָנטייל אין דער חתונה־פייערונג פונעם קיסר פערדינאַנד מיט איזאַבעלען, אין פּאַלערמאָ (דער זעלביקער פערדינאַנד, וואָס איז אין יאָר 1492 געוואָרן דער גרעסטער שונא ישראל).

ה. יידישע באַשעפטיקונגען

די ראָל, וואָס יידן האָבן געשפּילט אין מסחר און פאַכן, קאָן כאַראַקטעריזירט ווערן אין קורצן, לויט דעם בילד, וואָס דער היסטאָריקער לאַ־לומיא באַשרייבט אין זיין צווייט בוך. ער זאָגט: „יידן זענען געווען דער בכבודיקער טייל פון דער באַפעלקערונג, ווייל דורך זייער ענערגיע און אַר־בעט האָבן זיי געבראַכט נוצן פאַר אַלעמען. די שטענדיקע אינערלעכע קאַמפן צווישן פאָלק און די אַדללייט אין לאַנד, אינעם 14־טן יאָרהונדערט, האָבן אָפּגעשטעלט דעם האַנדל און אַרבעט ביי די קריסטלעכע מאַסן. די יידן אָבער, שטייענדיק פון דער זייט אין דעם דאָזיקן טומל און סיכסוכים, האָבן דערווייל ממשיך געווען צו אַנטוויקלען די אינדוסטריע און מסחר. זיי האָבן איינגעשטעלט פאַרבינדונגען מיט אַנדערע לענדער פאַר עקספּאָרט און אימפּאָרט און מיט דעם געבראַכט אַ שפע פון פרנסה פאַרן גאַנצן לאַנד. זיי האָבן נישט געשטרעבט, קאָן מען זאָגן, צו עשירות, נאָר געהאַנדלט בכבוד״.

עס איז אויך אינטערעסאַנט, וויאַזוי די סיצילישע יידן האָבן געפירט זייער געלט־מסחר. זיי זענען געווען די הויפּט־באַנקירן אין לאַנד, אָבער מען האָט זיי נישט אַריינגערעכנט אינעם קלאַס פון פּראָצענטניקעס. זיי האָבן עס געפירט אויפן יושרדיקן, לעגאַלן וועג פון האַנדל און געלט־וועקסל, לויט די סטאַטוטן פון אַ באַנק. אַזוי זאָגט עדות דער שרייבער לאַ־לומיא אין אַן אַנדער אָרט. דאַקעגן אָבער, דער רייכער קריסטלעכער קלאַס און הויכע רעגירונגס־באַאַמטע, זענען אָפט באַשולדיקט געוואָרן אַלס פּראָצענטניקעס, געלט־פעלשער אדג״ל.

סיצילישע יידן האָבן זיך אויך באַשעפטיקט מיט לאַנדווירטשאַפט, ספּעציעל פרוכט־גערטנער, בעיקר פון טייטלען, מיט וועלכע דער אינדזל איז געווען אַזוי באַרימט. אויך האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט דער שווערער אינדוסטריע פון אייזן און קופּער־גיסעריי, ביים אויסאַרבעטן כלערליי כלים און אינסטרומענטן פאַר ערד־אַרבעט, שיפן, אַמוניציע אדג״ל. מען קאָן

אויסרעכענען נאָך אַ צעטל פון אַרבעט און פאַבריקאַציע, מיט וועלכע יידן האָבן דאָס לאַנד רייכער געמאַכט. נאָר פון די שוין אָנגעמערקטע פאַקטן איז גענוג צו באַקומען אַ בילד וועגן זייערווירטשאַפטלעכער ראָל. יידן זענען אויך געווען פאַרטראָטן אין דער מעדיצינישער פּראָפעסיע. פון היסטאָרישע דאָקומענטן איז צו זען, אַז אין פאַרלויף פון די יאָרן 1492—1360, זענען אין סיציליע געווען אַרום הונדערט פופציק באַרימטע און אויסגעצייכנטע יידישע דאָקטוירים. דער קיסר פרידריך דער דריטער, וועלכער פלעגט ליב האָבן צו זען יידן וווינען אין געטאָס, האָט געגעבן דעם טיטל דאָקטאָר אַ יידישער פרוי מיטן נאָמען ווירדימוראַ. אין רעגי־רונגס־אַטעסטאַט, וואָס זי האָט באַקומען ווערט דערמאָנט, אַז זי צייכנט זיך אויס אין מעדיצין און היילט אָרעמע קראַנקע אומזיסט.

ה. דער יידישער אוניווערזיטעט און דער פּאַרלאַמענט

דער מזל פון די סיצילישע יידן האָט אָנגעהויבן ליכטיקער צו שיינען אין די לעצטע דריי צענדליק יאָר פון זייער עקזיסטענץ אויפן אינדזל. צוויי וויכטיקע יידישע אינסטיטוציעס האָבן געהאַלטן ביים פאַרווירקלעכט ווערן און וואָלטן געווען דער גרויסער וווּנדער אין גלות־לעבן. איינע האָט גע־וואַרט מיט דער התחלה אויף דער באַשטעטיקונג פון דער רעגירונג, איז אָבער בטל געוואָרן צוליב דער קירך. און די צווייטע האָט שוין פונקציאָנירט בעת דער „גירוש סיציליע" איז אָנגעקומען און אַלץ איז אַוועק ווי אַ חלום.

דעם 17־טן יאַנואַר 1466 האָט דער קיסר יאָהאַן דער צווייטער אונ־טערגעשריבן אַ דעקרעט, געבנדיק אַ דערלויבעניש די יידישע קהילות צו גרינדן אַן אייגענעם אוניווערזיטעט, לויט זייער אייגענעם פּראָגראַם, מיט אַלע רעכט ווי אַנדערע רעגירונגס־אינסטיטוציעס. אין די תקנות ווערט געזאָגט: אַז דער אוניווערזיטעט וועט שטיין אונטער דער אויפזיכט פון מלך אַליין און דער, וועלכער וועט שטערן אין דער אַרבעט, קאָן באַשטראָפט ווערן מיט 1000 אונציעס גאָלד. אָבער נאָך איידער מען האָט די אינסטי־טוציע געעפנט, איז דער גאַנצער פּראָיעקט בטל געוואָרן. די גרויסע מאַכט פון דער קירך, מיטן פויפּסט בראש, האָבן עס גלייך צעשטערט.

מיט איבער דריי יאָר שפּעטער האָט דער וויצע־קעניג פון יאָהאַן דעם דריטן, דעם 9־טן מערץ 1469, צונויפגערופן יידישע פאָרשטייער פון גרע־

סערע שטעט אין סיציליע אויף אַן אסיפה אין פּאַלערמאָ וועגן וויכטיקע מלוכה־ענינים. עד היום איז נישט באַוווסט וועגן וואָס און וויאַזוי עס זענען אָנגעגאַנגען די אונטערהאנדלונגען, ווייל ס׳איז נישט צו געפינען וועגן דעם קיין איין דאָקומענט. נאָר די געשעענישן, וואָס זענען פאָרגעקומען מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער, וואַרפן אַ געוויס ליכט אויף דעם, וואָס עס איז דעמאָלט פאָרגעקומען.

דערווייל איז יאָהאַן דער צווייטער געשטאָרבן און זיין זון פערדינאַנד האָט פאַרנומען דעם טראָן אין שפּאַניע, און צו דער זעלביקער צייט איז ער געוואָרן דער קעניג פון סיציליע.

אין יאנואר 1489 האָבן זיך אָנגעהויבן פארהאנדלונגען מיט דער רעגירונג וועגן אָרגאַניזירן אַ יידישן פּאַרלאמענט. דעם 20־טן מאַי איז אַרויס אַן אויפרוף פונעם וויצע־קיניג צו אלע יידישע קהילות, אז מען זאָל אויס־קלייבן צוויי דעפּוטאַטן פון יעדער געמיינדע צום פּאַרלאַמענט, וואָס וועט זיך איינגיכן פאַרזאַמלען אין פּאַלערמאָ. דאָס דערלויבט צו טראַכטן, אַז די געהיימע אַסיפה אין יאַנואר 1469 איז אויך געווען וועגן פּאַרלאמענט. די דערעפענונג איז פאָרגעקומען אין צייט און די ערשטע פאַרזאַמלונג איז פאַרטיק געוואָרן מיט איר אַרבעט דעם 26־טן יולי. אַ פולער ראַפּאָרט מיט אלע איינצלהייטן, וואָס איז פאָרגעקומען אויף די זיצונגען, איז איבערגע־שיקט געוואָרן צום קעניג פערדינאַנד קיין שפּאַניע מיט אַ צוגאָב פון זעקס טויזנט רענדלעך אין גאָלד אַלס א מתנה. ער איז דעמאָלט געווען אין מיטן פון אַ מלחמה מיט די אראבער וועגן דער פּראָווינץ גראנאדא און האָט זיך טאקע געניטיקט אין געלט.

דעם 7־טן אָקטאָבער האָט פערדינאַנד פונעם מלחמה־פראָנט, געשיקט זיין דאַנק צום יידישן פּאַרלאמענט. ער זאָגט אין זיין בריוו: „איך בין גליק־לעך צו באַשטעטיקן דעם פּאַרלאמענט מיט אלע רעכט פון א רעגירונגס־אינסטיטוציע און איך וועל באַשיצן די יידן פון רויב אויף ווייטער". דרייסיק מאָנאַטן שפּעטער האָט דער „קאַטוילישער צדיק" אַליין פאַראָרדנט דעם גירוש פון סיצילישע יידן.

דער געלערנטער לא־לומיא באשרייבט אין זיין ווערק די ווירקונג, וואָס דער מערדערישער אַקט האָט געמאכט אויף די קריסטן אין לאַנד. מען האָט געשיקט פּראָטעסטן, זאָגט ער, און אָפּגעלייקנט אַלע בילבולים אויף יידן, אָבער קיין שום מיטלען האָבן נישט געקאָנט מבטל זיין די גזירה. לא־

לומיא באצייכנט די טראגעדיע מיט די ווייטערדיקעווערטער: „א גאַנץ פאָלק פון 600.000 נפשות, באַזעצט אין פופציק שטעט, גייט אין גלות, און דאָס צווייטע פאָלק, זייערע שכנים, וועלכע האָבן געלעבט צוזאַמען פיל הונ־דערטער יאָרן, שטייט צעטומלט מיט אַראָפּגעבויגענע קעפּ און פאַרגיסט טרערן. די קריסטן אין יעדער שטאָט האָבן זיך פאַרזאַמלט צו באַגלייטן די יידן ביז וואנען די שיפן האָבן פאַרלאָזט די ברעגן".

און אַזוי איז אין יאָר 1492 פאַרשוווּנדן פון סיציליע דער בליענדי־קער יידישער ישוב.

אינדעקס

א

אַנטיאָכוס 12
ארץ־ישראל 12, 13
אברהם אבינו 13
אלכסנדר סעװערוס, מלך 13
אַלפּן־בערג 18
אברהם הקליר 20
אטראַנטא 24, 34
„אבות דרבי נתן" 25
„אלף בית של בן סירא 25
אַתגעניוס דער צװייטער, פּויפּסט 25
אַריאַ 25
אַקווילאַ 33
אַמאַלפי 34
אסקאלי 34
אברהם 36
אליעזר בן שמואל 37
אברהם אבן עזרא 37
אַנאַלעקטוס דער צװייטער, פּויפּסט 43
אינאָקינטיוס דער צװייטער, פּויפּסט 43
אלחנן 44
אבן תבון 55
אנקאנא 45
אנטאָניוס די־װירצילי 93
אורבינא 45
אַריװיעטאַ 45
אַדריאַטיק 45
אינאָקינטיוס דער דריטער, פּויפּסט 49
אינקוויזיציע 49
אַפּיקורסים 49
אויטאָ־דאַ־פע 51
אַלבערט דער גרויסער 53
אבן דאָוד 53
ר"י אלחריזי 55
„אוצר נחמד" 56
אלכסנדר מוקדון 56
אַריסטאָטל 56
„אורחות חיים" 59
„אבן בוחן" 60
אל־ראַזי 63
אַרגאָלדאָ די־חיליאַנאַבאַ 64
אויגוסטין אַלבערטוס 65
איוב 63
„אמרי דעת" 68
ר' אברהם אַבואַלעפיה 74
ר' אליעזר פון גערמייזא 75
„אהלי יצחק" 78
„אישקוקי" 86
„ארמילוס" 91
אברהם סארטיאנו 92
אלגהירו 100
אַלפאָנס דער פינפטער, קיסר 112
איזאַבעלאַ 116
אבן גבירול 53

ב

באנאש 109
באַרי 24
בנימין פון טודעלא 33
בענעװענטא 34
ברינדיסי 40
באַלאָניא 47
באדארשי 50
באַניפיציוס דער זיבעטער, פּויפּסט 28
באַרצעלאָנאַ 63

„ביאור סודות וצורות האותיות" 75
„ביאור על התורה" 75
„ביאור התפילות" 75
בעל הש"ך 77
„בית נאמן" 78
ר' בנימין ב"ר יהודה 84
ר' בנימין ב"ר אברהם 80
ברעסל 88
באָניפיציוס דער נײנטער, פּויסט 100
באזזא 109
באַרטאָלאָמיי 110
בראנדין די־סיינה 107

ג

גמליאל השני, רבי 13
גראס 19
גרעגאָר דער ערשטער, פּויפּסט 22
גענואַ 33
גרעץ 30
גאזזא 34
גאריזיא 47
גריגאָרי דער גרויסער, פּויפּסט 108
גיהנום און גן עדן 60
גידעמאַן מ., ד"ר 11
גייגער אברהם 63
גיאָ חינאַצי 94
„גנזי נסתרות" 102
געש 104
גריכנלאַנד 39
דזשאָחאַני פּיאָרענטינא 105
גרעגא ראחינס פּ. 42

ד

דייטשע 84
דניאל 36
דאַנטע 60
דאנאָלאָ 63
דוד קמחי, ר' 68
דאלינגער 98
דזשאָחאַני 105
דזשוזעפּע 110
דאָמיניקאַנער 51

ה

האַרון־אַל־ראַשיד, סולטאַן 20
„הלכות קצובות" 25
„הערוך" 36
„המזכיר" 55
„הענוים" 80
הורטער 50
התפת והעדן 60
הלל בן שמואל, ר' 63
הרי"ד (רבנו ישעיה ב"ר מאַלי די
טראני) 77
„התדיר" 80
„ספר היושר" 99

ו

וועראָנאַ 27
ווענעציע 33
וואָרמס 35
„ווירגיליוס" 91
ווייס, ד"ר 95
חין, חינער 90 — 95
ווירדימורא 117
וואַטיקאַן 12

ז

זרחיה ב"ר יצחק, ר' 57
זכריה ב"ר יצחק, ר' 63
זאכיטי 106
זרחיה חן ב"ר יצחק, ר' 68

ח

„חכמי רומי" 35
„חושן משפט" 77
חיים איזאקי 100

ט

טראני 34
טאראנטא 34
טאָלעדאָ 37
טהיבן 39
טריעסט 46
טרעוויסא 47

טאָמאַס די־אַקווינאַס 53
„טעמי המצוות" 75
„טענות" 94

י

יידישער אוניווערזיטעט 117
יהודה המכבי 12
יהושוע בן אליעזר ר' 13
ירושלים 12
ישו הנוצרי 13
יהודה הלוי 35
יוליוס 19
יצחק חכם היהודי 20
„יוסיפון הקטן" 30
יוסף, ר' 33
יצחק בן מלכי צדק, ר' 37
יצחק הישראלי ר' 53
יעקב ב"ר אבא, ר' (אנטולי) 55, 95
יהודה בן שלמה הכהן, ר' 55
יואב, משפחה 60
יואב 63
יעקב ב"ר אליעזר, ר' 62
יוהאַן די־קאַפּוא 62
יהודה ב"ר משה הרומי, ר' 62
יחיאל ב"ר יקותיאל, ר' 80
יהודה החסיד, ר' 16
יצחק ב"ר מרדכי, ר' 64
יהודה ראמאנא, ר' 65
יונה הנביא 73
ישעיה הזקן, ר' (די טראַני) 77
ישעיה בן אליהו האחרון, ר' (די טראַני) 78
יקותיאל ב"ר בנימין, ר' הרופא 81
„יסוד היראה" 82
יעלינעק 92
יאָסט — 104
יאָהאַן, קיסר 103

כ

יאָהאַן, דער דריטער, קעניג 107
„כלילה ודימנה" 62

ל

לאָמבאַרדיע 20
לוקא 20
לוצאַטו, ש. ד. 19
לאָטהאַר דער ערשטער, קיסר 25
לעאָן דער פערטער, פויפסט 25
לודוויק דער צווייטער, קיסר 27
לעאָן דער גרויסער, פויפסט 31
ליאָן, דאָקטאָר 100
לאַנדוי מ., ד"ר 110
לאַ־לומיאַ 109

מ

„משלי" 59
מהר"י קארו 59
„מאמרים" 65
מקיצי נרדמים (חברה) 66
„מלמד התלמידים" 66
„מורה נבוכים" 54
משה ב"ר שלמה, ר' 71
מנחם פון ריקאַנטי, ר' 75
משה ב"ר אברהם 80
מן האדומים, משפחה 80
„מעלות המידות" 81
„מחברת הטנא" 82
משה קמחי, ר' 84
„מהלך" 84
„מסכת פורים" 87
„מינהגים" 90
מאַרטין, קיסר 112
מאַססיציאַ גואַרדאַטאַ 93
„מאמר התבונה" 94
„מלחמת ה'" 95
משה ב"ר יקותיאל הרומי, ר' 80
מיכאל שקיטום 95
מתתיהו בן הערעש, רבי 13
משה בן קלונימוס, ר' 19
מאַגענצע 19
מאַנום, א. 20
„מדרש" אויף שיר השירים 25
מאַנטואַ 33
מעלפי 34
משה שטיינשניידער, ר' 55
מעסינאַ 34
מאַלטאַ 34
משה הדרשן, ר' 37
משה בן חלפה, ר' 37
מנחם בן שלמה, ר' 37

מאזאָליאָ אבן אַל־באַזאַק 37
„מדרש שכל טוב" 37
„מחברת הערוך" 38
„מסע הצלב" 50
„מחברות" 57
„מחברות י"ב " 64
מאַנטאבא 31

נ

ניקאָלאָס V, פויפסט 107
„נעאָפיטן", אַ סעקטע 31
נעאַפּאָל 34
נאסא 34
נתן בר יחיאל הרומי, ר' 36
נתן המאתי, ר' 63
ניקאָלעס די־פליאה 96
ניקאָלאָס דער דריטער, פויפסט 97
נאָרמאנען 108
„נסתר עסק" 74

ס

סאַרדיניע 40
„ספרי המכבים" 12
סאַבאַסטאַ 24
„ספר היושר" 99
„ספר הישר" 24
„ספר היצירה" 26
סיווידייל 33
סאלערנא 34
סיראקוז 34, 113
סיפאנטא 37
סאַן מאַרינאַ 46
סיציליאַנא 60
„ספר הזכרונות" 62
סמבטיון 74
סטארראבא 109

ע

עקיבא, רבי 13
עמנואל הרומי 16
עמנואל דער דיכטער 16
„ערוך קאהוט ו" 24
ענן בן מארינוה 37
עזרא 47
„עיני העדה" 78
„עדות ה' נאמנה" 95

פּ

פּעטער פון פּיזא 19
פּאוויא 20
פּריאולי 31
„פּסיקתא רבתי" 25
„פּאסגים", אַ סעקטע 31
פּיזאַ 33
פּעראדא 33
פּאַלערמאַ 40
פּאַראַנאַסוס 39
פּאדוא 47
פּאנשולע, דע 47
פּעטרא 98
פּאַרלאַמענט 117
„פּסקי הלכות" 78
פּאָדזשיאָ 98

פֿ

פערמא 59
פרידריך III, קיסר 115
פארלי 46
פאַנאַ 45
פעראַראַ 47
פראַנציסקאַנער 51
„פולה" 88
פלאָרענץ 88
פערדינאַנד, קיסר 109
פרידריך II, קיסר 55, 65
פאַראַג 63
פרידבערג א. ש. 11

צ

צדקיה הרופא 20
צונץ 20
צדקיה ב"ר אברהם, ר' 80

ק

קארל דער גרויסער, קיסר 18
„קונטרס הראיות" 78
קליר 20
קיסר קאַרל (דער פליכעוואַטער 20
קאניאן 20
קאַפּואַ 34
קאַטאַניאַ 34

קאהוט 36
קלונימוס בן שבתאי, ר׳ 37
קלונימוס פּראָוואַנס, ר׳ 57
קלונימוס בן קלונימוס 60
קארל ו, קעניג 63
„קאָמעדיע דיווינאַ״ 60
„קונטרס הראיות״ 78
קלעמענס דער פינפטער, פּויפּסט 97
קאַרפעליני 103
„קריסטנטום״ 17

ר

ראָט, סעסיל 11, 13
ראָטעריוס, בישאָף 27
רש״י 35
ראַפּאָפּאָרט, ש. י. 36
ראמאנגא 46
רימיני 46
ראווענאַ 46
ראָוויגאָ 47
רמב״ם 54
ראָבערטאָ ו, מלך 64
רמב״ן 68
רשב״א (ר׳ שלמה בן אדרת) 71
רמב״ן 68
רשב״ם 77
רוים 12

ש

שאול התרשיש 12
שבתאי בן אברהם דאָננאָלאָ, ר׳ 25
שמואל 78
שלמה בן גבירול, ר׳ 35
שלמה בן פרחון, ר׳ 38
שמעון הגדול, ר׳ 44
„שומרי מצוות עדיך״, פּיוט 44
שלמה די־אורבינא 45
שמחה, ר׳ 57
שלמה פאטיט, ר׳ 72
שופטים 78
שמואל, רבי 33
„שלטי הגיבורים״ 78
„שבילי הלקט״ 80
„שאלות ותשובות״ 95
שעקספּיר 106
שלמה ב״ר משה ב״ר יקותיאל, ר׳ 95

ת

„תכמוני״ 26
„תנא דבי אליהו 25, 32
„תקות אנוש״ 68
תלמוד 30
„תגמולי הנפש״ 73
„תניא״ 80
רבינו תם, 24 35

אין פאַרלאַג י. ל. פרץ זענען ביז היינט דערשינען פאָלגנדיקע ביכער:

אין יידיש:

י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 1)
י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 2)
מענדל מאַן	נאַכט איבער גלושינאַ
אברהם סוצקעווער	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי	בילדער און דערציילונגען
י. פּאַפּיערניקאָוו	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן	ביי דער ווייסל
ק. צעטניק	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קבוץ־לעבן)
מלך נוי (ניישטאַט)	דאָס ערשטע און צענטע יאָר מדינת ישראל
מאַטעס דייטש	צום נאָענטסטן שטערן — יידיש
יצחק לעוו	אין גערטנגל (געקליבענע שריפטן)
מרדכי יפה	צען ישראל־דיכטער
יצחק פאַנער	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
פרץ גראַנאַטשטיין	מענטשן פון נעכטן
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 1)
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 2)
ה. לייוויק	אויף צאַרישער קאַטאָרגע
נחמן דרוזדוב	אחד העם
עזרא קאָרמאַן	צייכנס און צירופים
רבקה באַסמאַן	טויבן ביים ברונעם (לידער)
י. צ. שאַרגעל	פון וויי און גלויבן
דוד זאַקאַליק	גערטנגל
א. קאַרפּינאָוויטש	דער וועג קיין סדום
א. ריוועס	מיט דער שיף „טשיטשערין"
יוסף כרמל	אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער
מ. בערלאַנד	300 שעות בגיטו הדועך
מרדכי אורן	דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 1)
מרדכי אורן	דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 2)
יחיאל האָפּער	ר' זלמן
הערש מענדל	זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער
נ. ניר־ראַפּאַלקעס	ערשטע יאָרן

י. זינגער	דראַמאַטישע שריפטן
דוד פלאַקסער	אידעישע שלימותן און האַלבע אמתן
ש. וואָרזאַגער	ברויט (ראָמאַן)
בעריש ווײַנשטײַן	אין דוד המלכס גיטער (פּאָעמע)
לוי פּאַפּיערניקאָוו	אין דער נייער היים
אברהם ליס	היים און דויער
ד״ר חיים שאָשקעס	מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און אַראַבער
מ. ווייסמאַן	אַ האַלבער יאָרהונדערט אין אַמעריקע
פ. גאָרעליק	פון די מלינער וועלטן (נאָוועלע)
י. בראָנשטײַן	אינאיינעם און באַזונדער (עסייען)
פ. בערמאַן	אָפּענע פענצטער (לידער)
א. וואָלף־יאַסני	די געשיכטע פון יידן אין לאָדזש אין די יאָרן פון דער דייטשער יידן־אויסראָטונג
אריה שמרי	די פונקען פון תיקון — פּאָעמע
א. סוצקעווער	אָאַזיס
אירג. יוצאי בורשצ׳יב	ספר באָרשטשיוו
מנור א.	40 יאָר הסתדרות
ד״ר מ. דוואָרזשעצקי	אייראָפּע אָן קינדער

אין עברית:

יוסף רוזן	כתבים נבחרים
אפרים שרייער	אמנות ותיאטרון
י. לשצינסקי	הדמות הלאומית של יהדות הגולה
יעקב פאט	שיחות עם סופרים יהודיים
מ. ברלנד	300 שעות בגיטו הדועך
יהושע גלבוע	על חרבות התרבות היהודית בברית־המועצות
נ. חנין	ברלה
י. זרבבל	עלי חיים
אפרים אויערבך	קריה לבנה — ווייסע שטאָט (עברית־יידיש)
א. אלמי	בין סיני לאולימפוס